בס"ד

# יארצייטן פון צדיקים

## שבת פרשת האזינו תשפ"ז

פון ב' תשרי - ביז ח' תשרי

לעילו נשמת אבי מורי הרה"ח רבי משה אפרים
ב"ר ארי' ע"ה - כ"ד טבת תשע"א
ולעילו נשמת אמי מורתי שפרה יענטא בת הרה"ח
ר' משה יהודה ע"ה - ו' אדר תשפ"ה

צו באקומען די יארצייטן יעדן טאג,
ביטע שיקט א מעסעדזש מיט אייער אימעיל צו דעם נומער 646) 907-9119)

## זונטאג – ב׳ דראש השנה

## מאנטאג – ג׳ תשרי

הגה״ק רבי אברהם אבלי ב״ר חיים הלוי זי״ע, (גומבינער), **בעל מגן אברהם, מקאליש**.

## דינסטאג – ד׳ תשרי

הרה״ק רבי יצחק זעקיל ארי׳ לייב ב״ר מתתיהו זי״ע, (וורמסר),

**הבעל שם ממיכלשטאט**.

## מיטוואך – ה׳ תשרי

הגה״ק רבי חנוך הענדיל ב״ר שלמה זלמן זי״ע, (שעכטער), **שו״ב בק״ק ראדאוויץ**.

## דאנערשטאג – ו׳ תשרי

הרה״ק רבי יהודה ארי׳ לייב ב״ר ברוך זי״ע, **הסבא קדישא משפאלע**.

״הנקרא **דער הייליגער שפאלער זיידע**״

## פרייטאג – ז׳ תשרי

הרה״ק רבי מנחם נחום ב״ר מרדכי זי״ע, (טווערסקי), **אדמו״ר ממאקארוב**.

## שבת קודש – ח׳ תשרי

הרה״ק רבי אלעזר ניסן ב״ר משה זי״ע, (טייטלבוים), **בעל זכרון אלעזר, מדראהביטש**.

לזכות להצלחה

חיים אליעזר בן שפרה יענטא וכל משפחתו.

שמואל בן שפרה יענטא וכל משפחתו.

צבי בן שפרה יענטא וכל משפחתו.

מאיר ברוך בן שרה בריינדל ליבא וכל משפחתו.

לעילו נשמת אבי מורי הרה״ח ר׳ משה אפרים ב״ר ארי׳ ע״ה. - כ״ד טבת תשע״א.

לעילו נשמת אמי מורתי שפרה יענטא בת הרה״ח ר׳ משה יהודה ע״ה. - ו׳ אדר תשפ״ה.

**יארצייט ג' תשרי**

**הגה"ק רבי אברהם אבלי ב"ר חיים הלוי זי"ע**
**(גומבינער), בעל מגן אברהם, מקאליש**

ער איז געבוירן אין שטאט גומבין, **בשנת שצ"ז**.

צו זיין טאטן הגה"ק **רבי חיים הלוי דומ"ץ גומבין** זי"ע, הי"ד, וואס איז ליידער אומגעקומען אויף קידוש ד' **בשנת תט"ו נאך די גזירות ת"ח ות"ט דורך די קאזאקען און דער שר הצורר חמלניצקי ימ"ש**.

ער איז שוין פון אלס גאר יונג קינד געווען מפורסם אלס א גאון הגאונים און א חריף ולמדן עצום בתורה, ער האט עוסק געווען בתורה יומם ולילה בקדושה ובטהרה מיט א געוואלדיגע התמדה, ער איז געווען א בקי בש"ס ופוסקים און בנגלה ובנסתר, ער איז געווען א בקי נפלא און געקענט בעל פה אלע כתבי האריז"ל און ספר הכוונות.

אבער מיט זיין גרויס ענוות האט ער כסדר געזאגט, אז ער איז נישט באקאנט אין תורת הנסתר, און וויבאלד ער איז געווען זיין גאנץ לעבן אזוי באהאלטן, איז דער צדיק נישט געווען אזוי מפורסם בחייו, אבער לאחר פטירתו, ווען עס איז ארויס געקומען זיין הייליגע חיבור **מגן אברהם**, איז דער צדיק נתפרסם געווארן, און זיין חיבור איז מקובל געווארן אין די גאנצע וועלט, צדיקים האבן מעיד געווען, **אז דער צדיק האט געהאט כמה פעמים גילוי אליהו הנביא ז"ל**.

ער איז געווען א תלמיד מובהק פון הגה"ק **רבי יצחק מפוזנא בעל שו"ת באר יצחק** זי"ע, און ער האט פין דעם רבין גאר אסאך תורה געלערנט, די רבי האט גאר שנעל איינגעזען דעם גדלות פון זיין תלמוד און זיין עבודה בקדושה וטהרה, און דערפאר האט ער דעם תלמיד גאר שטארק מכבד געווען און מחבב געווען.

מען קען זעהן די געוואלדיגע קשר צווישן דעם תלמיד און זיין גרויסן רבין, ווי דער תלמיד דער הייליגער מגן אברהם זי"ע דריקט זיך אויס אין זיין ספר אויף זיין רבי בזה"ל, "**יפיפית מבני אדם צרופה אמרותיו להגידם, חריפין ונהירין כאודם, קדוש מקום יסודם, ה"ה אהובי מורי ורבי**".

בשנת ת"כ איז ער אריבער צום שטאט **קאליש**, גאנץ אנפאנג האט ער געדינט אלס **מלמד תינוקות אין שטאט**, אבער ווען די אידן פון שטאט האבן איינגעזען דאס גדלות פון דעם גאון, האט מען אים דאן אויף גענומען אלס **ראש ישיבה**, און גאר גרויסע גאונים און תורה ריזן זענען געקומען לערנען תורה ביי דעם גאון, און גרויסע גדולי ישראל זענען פון זיין ישיבה ארויס געקומען, אויך איז ער אריין אלס דיין אין די בית דין פון הגה"ק **רבי ישראל שפירא מקאליש** זי"ע דער זון פונעם **הייליגען מגלה עמוקות** זי"ע.

ער האט ארויסגעגעבן גאר גרויסע תלמידים גאונים וקדושים ובתוכם.

הגה"ק **רבי מאיר בעל מהר"ם א"ש מאייזנשטאט** זי"ע,
הגה"ק **רבי אליה שפירא בעל אליה רבה ואליה זוטא מפראג** זי"ע.

ווערט דערציילט אז איינמאל איז **דער הייליגער ש"ך** זי"ע געקומען באזוכן דעם שטאט קאליש, און איינע פון די תלמידים פונעם הייליגען מגן אברהם האט געזאגט פארן הייליגען ש"ך זי"ע א תשובה וואס ער האט געהערט פון זיין רבין דער הייליגער מגן אברהם.

דער הייליגער ש"ך איז מורא'דיג נתפעל געווארן און ער האט דאן געבעטן די שטאט מענטשן, אז מען זאל דעם הייליגען מגן אברהם אויפנעמען אלס רב אין שטאט, אבער מיט זיין גרויס ענוות האט ער נישט געוואלט נעמען קיין רבנות, נאר ער איז דאן געווארן **דומ"ץ** אין שטאט **קאליש**.

בשנת תכ"ה האט דער גאון אנגעהויבן שרייבן זיין הייליגען חיבור "**מגן אברהם**", און דאס האט גענומען גאנצע זעקס יאר, ווי באקאנט האט דער גאון געלעבט אין א גרויסע דחקות, און צוליב דעם האט ער נישט געהאט קיין געלט צו קויפן קיין פאפיר צו שרייבן זיינע חידושים, און דערפאר האט

ער געניצט איבער געבליבענע פאפיר, אויך איז באקאנט, אז א גרויסע חלק פונעם ספר מגן אברהם, **איז דאס ערשטע מאל געשריבן געווארן אויף די ווענט פון זיין שטוב**.

זיין גדלות בתורה איז דאן מפורסם געווארן אין די וועלט, צענדליגע גדולים און גאונים בתורה זענען צו דעם גאון געקומען פרעגן גאר שווערע שאלות, און אפילו סוף ימיו ווען ער איז שוין ליידער געווען קראנק און שוואך און געלעגן אין בעט מיט יסורים, **האט דער גאון נישט נאך געלאזט, נאר ער האט ווייטער פאר געלערנט שיעורים פאר זיינע תלמידים און אויך געגומען אידן מיט שאלות, און דאס אלעס איז געווען מיט א מסירת נפש פאר תורה.**

מען דערציילט, אז זיין ספר **מגן אברהם** האט ער גאנץ אנפאנג בכלל נישט געגעבן קיין נאמען און אפילו נישט געשריבן ווער דער מחבר איז, צוליב זיין געוואלדיגע עניוות וואס ער האט געהאט, נאר שפעטער נאך זיין פטירה, ווען זיין זון האט געדריקט דעם ספר, האט מען דאס א נאמען געגעבן מגן אברהם, אבער דער ספר איז גאנץ שנעל געווארן אן גענומען בכל תפוצות ישראל, און עד היום הזה ווערט דער פירוש געלערנט אין די גאנצע וועלט.

די גדולים און צדיקים בדורו און אפילו שפעטער האבן אלע מעיד געווען אויף די גדלות בתורה און די געוואלדיגע קדושה מיט וואס דער גאון דער הייליגער מגן אברהם זי״ע האט זיך געפירט זיין גאנץ לעבן.

הגה״ק רבי יוסף תאומים בעל פרי מגדים מפרנקפורט זי״ע אין זיין הקדמה שרייבט איבער די גרויסע קדושה פונעם הייליגען מגן אברהם זי״ע בזה״ל, ״**כל ימיו אוכל בטהרה ובצומצום, והיה לומד תורה לשמה, רבן של כל בני הגולה, וכוכבו מאיר מסוף העולם ועד סופו**״.

דער הייליגער מגיד מקאזניץ זי״ע האט דערציילט, אז ווען ער האט געלערנט ביי זיין גרויסן רבין הגה״ק רבי שמעלקא מניקלשבורג זי״ע אין שטאט ריטשוואל, האט דער הייליגער מגיד קובע געווען א שיעור מיט א חברותא צו לערנען דעם הייליגען חיבור מגן אברהם, איין טאג נאכן שיעור מיט די חברותא, איז דער הייליגער מגיד אריין צו זיין רבין׳ס שיעור, אזוי ווי ער קומט אריין אין שטוב, זאגט אים זיין רבי ר׳ שמעלקא זי״ע בזה״ל, ״**אויף דיין פנים דערקענט זיך אז די האסט יעצט געלערנט דעם הייליגען ספר מגן אברהם, דע לך כי הלימוד בספר מגן אברהם, מביא הארות נפלאות בלב כל חכם לב**״.

הרה״ק רבי לייב שרה׳ס זי״ע האט זיין גאנץ לעבן גאר אסאך גערעדט איבער די גדלות בתורה און געוואלדיגע קדושה פונעם הייליגען מגן אברהם זי״ע, און דער צדיק רבי לייב שרה׳ס זי״ע בשעת יציאת נשמה האט געזאגט בזה״ל, ״**רבי אבא׳לע קאלישער איז א אמת׳ער גאון, א אמת׳ער מקובל, א אמת׳ער צדיק**״.

דער גאון וקדוש רבי זלמן מוולוז׳ין זי״ע האט אסאך גערעדט פון די גדלות פונעם הייליגען מגן אברהם זי״ע, און ער פלעגט כסדר זאגן בזה״ל, ״**גדול הוא בעיני כבוד האחרון השה, כאחד מן הראשונים**״, אויך דער הייליגער חזון איש זי״ע האט זיך אמאל אויס געדריקט אויפן הייליגען מגן אברהם זי״ע בזה״ל, ״**המגן אברהם הוא רבינו, ואנו כולם תלמידיו, ואשרי מי שזכה להיות מתלמידיו**״.

גאר אסאך פון די צדיקים און גדולים האבן קובע געווען א שיעור צו לערנען דעם הייליגען חיבור מגן אברהם ובתוכם הגה״ק **רבי משה סופר בעל חתם סופר מפרשבורג** זי״ע וואס האט זיכער געמאכט אז מען זאל האבן א שיעור קבוע טעגליך צו לערנען שולחן ערוך מיטן פירוש פון מגן אברהם.

ער האט איבער געלאזט זיינע קינדער.

בנו הגה״ק **רבי חיים מקלימנטוב** זי״ע,
חתנו הגה״ק **רבי משה יקותיאל קופמן בעל לחם הפנים מקוטנא** זי״ע.

ליידער האט דער גאון נישט מעריך ימים געווען, און ליידער האט ער גאר אסאך יסורים געליטן סוף ימיו, אבער לא פסיק פומיא מגירסא, און ביזן לעצטן אטעם האט דער גאון עוסק געווען בתורה מיט א געוואלדיגע מסירת נפש.

ער האט געלאזט צוואה, אז מען זאל נישט שרייבן קיין שבחים אדער סיי וואס אויף זיין מציבה, און דערפאר איז די לשון המציבה גאר פשוט, **פ"נ ר' אברהם אבלי הלוי מחבר ס' מגן אברהם וזית רענן, תנצב"ה.**

נסתלק לגנזי מרומים **ג' תשרי בשנת תמ"ג**, ומנוחתו כבוד איז אין ביה"ח אין שטאט **קאליש**.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**מעשיות**

**דער הייליגער מגן אברהם זי"ע שרייבט**, דעם טעם פארוואס מען נעמט **ערב יום הקדוש א תרנגולת צו שלאגן כפרות און נישט קיין תורין אדער א בני יונה**, וויבאלד די אנדערע קען ח"ו אויסזעהן ווי מען איז מקריב קדשים בחוץ.

• • •

**אויך שרייבט דער הייליגער מגן אברהם**, די טעם פארוואס מען טוט אן **א ווייסע קיטל יום הקדוש**, ווייל מיט דעם זעט א איד אויס **בדוגמת מלאכי השרת**, און אויך איז דאס א בגד פון **מתים** און דאס וועט מעורר זיין די מענטש **צו תשובה און תיקון המעשים**.

• • •

**הרה"ק רבי אברהם יהושע העשיל בעל אוהב ישראל מאפטא זי"ע האט דערציילט**, אז איינמאל האט מען גערעדט ביים הייליגע **רבי אלימלך מליזענסק** זי"ע, איבער די גרויסקייט פונעם הייליגען מגן אברהם זי"ע, האט דער צדיק רבי אלימלך מליזענסק זי"ע געזאגט בזה"ל, **"אלע מחברי ספרים ביז דעם מגן אברהם ועד בכלל, זענען געווען בעלי רוח הקודש און בעלי גילוי אליהו הנביא ז"ל.**

• • •

**מען דערציילט**, אז הרה"ק רבי אהרן מבעלזא זי"ע און אויך הרה"ק רבי משולם פייש בעל עבודת עבודה מטאהש זי"ע האבןביידע געזאגט, אז צוליב וואס דער הייליגער מגן אברהם האט ליידער געלעבט אין א גרויסע דחקות און אויך ליידער נסתלק געווארן בדמי ימיו, האט דער גאון נישט געקענט צו ענדיגן זיין חיבור, און אויך איז דער חיבור געשריבן געווארן זייער בקיצור און איז נישט גרינג צו לערנען, דערפאר איז **דער הייליגער גאון דער מחצית השקל** זי"ע געווען **א גלגול פון דעם נשמה פונעם מגן אברהם**, און דער מחצית השקל האט מסביר געווען די ווערטער פונעם מגן אברהם גאר קלאר.

• • •

**מען דערציילט**, אז אין שטאט קאליש האט געוואוינט א חסיד א גאר ערליכער איד, וואס ביי אים פלעגט אסאך איינשטיין דער צדיק הרה"ק **רבי זעליג בעל ניצוצי זהר משראנצק** זי"ע, און ווען דער צדיק רבי זעליג איז געקומען פלעגט דער חסיד לכבודו פונעם צדיק, ווארטן שבת קודש מיט די סעודה ביז דער צדיק האט גענדיגט דאווענען.

איין שבת צופרי נאכן דאווענען, האט דער בעל אכסניא געשפירט א שוואכקייט און ער האט געוואלט אהיים גיין קידוש מאכן, האט ער געהייסן זיין זוהן, אז ער זאל ווארטן אויף רבי זעליג ביז ער ענדיגט דאווענען, און דערנאך זאל ער אים אהיים ברענגען צו זיי אין שטוב.

ווען דער צדיק רבי זעליג האט גענדיגט דאווענען, איז ער אהיים מיטן זוהן פון דעם בעל אכסניא, און דאן איז רבי זעליג שוין געווען אויף די עלטערע יארן און נישט אזוי גוט געזען, אינמיטן וועג האט זיך דער צדיק אפגעשטעלט ביי א פלאץ, און זאגט פארן זון פונעם בעל אכסניא, **איך שפיר א גאר גוטן ריח ארויס קומען פון דעם מקום**, דער זוהן האט אבער געזאגט, אז ער שפירט נישט גארנישט, נאך א שטיק צייט זענען זיי אהיים געקומען עסן די סעודת שבת.

ווען דער זוהן האט דערציילט פארן טאטן די מעשה וואס ער האט געהאט מיטן צדיק אויפן וועג אהיים, איז די טאטע זייער פארוואונדערט געווארן, אבער אפאר טאג שפעטער האט דער בעל אכסניא מברר געווען וואס דער מקום איז, און מען איז געוואר געווארן, **אז דארט איז אמאל געשטאנען די הויז פונעם הייליגען מגן אברהם זי"ע, און דער צדיק רבי זעליג האט דאס מיט זיין קדושה מרגיש געווען**.

• • •

**הרה"ק רבי יהושע מבעלזא זי"ע האט כסדר גערעדט** צו זיינע תלמידים איבער די גרויסקייט

און די מסירת נפש און קדושה פונעם הייליגען מגן אברהם זי"ע, איינמאל האט דער הייליגער בעלזא רב זי"ע דערציילט א מעשה נורא, וואס איז פאר געקומען אין שטאט קאליש בשעת ווען דער הייליגער מגן אברהם זי"ע האט דארט געדינט אלס רב.

איין טאג איז אנגעקומען א מגיד אין שטאט קאליש, און געבעטן פונעם הייליגען מגן אברהם, אז ער וויל האלטן א דרשה אין זיין ביהמ"ד, דער מגיד האט פון דרויסן אויסגעזעהן ווי א ערליכער איד און א תלמיד חכם, דערפאר האט אים דער הייליגער מגן אברהם געגעבן רשות צו האלטן א דרשה, אבער ליידער איז דער מגיד געווען פארדארבן אינגאנצן מיט אפיקורסת און כפירה, און אזוי ווי ער האט אנגעהויבן זיין דרשה, האט ער גערעדט רח"ל דברי מינות און אפיקורסת און דברי כפירה.

ווען מען איז געקומען זאגן פארן הייליגען מגן אברהם וואס דא האט פאסירט, האט דער הייליגער מגן אברהם געלאזט רופן דעם מגיד, און אפילו דער מגן אברהם איז געווען א עניו ושפל ברך מאוד און האט באמת נישט געהאלטן פון זיך, אבער ווען עס איז געקומען צו עפעס וואס האט אנגערירט אינעם חומת הדת האט דער גאון מיט א מסירת נפש זיך ארויס געשטעלט, און האט מיט קולי קולות געשריגן אויף אים, **די בוסט אן אפיקורס און א מסית ומדיח, ווי האסטו געהאט די חוצפה מיך צו אפ נער'ן, און דער הייליגער מגן אברהם האט אים געהייסן שוין ארויס גיין**.

די ווערטער פונעם מגן אברהם זייענדיג יוצאים מלב קדוש און מיט א אמת, האט משפיע געווען אויפן מגיד, און ער האט זיך געוואמען ביטערליך וויינען צום הייליגען מגן אברהם, רבי איך וויל טון תשובה, און דער מגיד האט געזאגט פארן הייליגען מגן אברהם, איך בין גרייט אז מען זאל צוזאמען נעמען אלע אידן פון שטאט, און איך וועל מיך אויפשטעלן און זאגן פאר די אידן, אז די דרשה וואס איך געזאגט איז געווען דברי מינות און אפיקורסת.

האט דער הייליגער מגן אברהם זי"ע געזאגט פאר דעם מגיד, חלילה, דאס זאלסטו נישט טון, ווייל דאס איז קיין תשובה נישט, גיי מיט מיין משמש, **און ער וועט דיר ווייזן ווי עס איז די קלויסטער אין שטאט, און דארט זאלסטו דיך שמד'ן רח"ל, און דאן וועט די גאנצע שטאט הערן און זעהן וואס מינות און אפקירוסת טוט מיט א מענטש, און וועלן זיך אראפ לערנען אז מען ברויך שטיין ווייט פון די אלע מינים און אפיקורסים, און דאס וועט זיין דיין תשובה, און נאר נאכדעם זאלסטו גיין צו א ווייטע שטאט, און דארט בעטן דעם רב פון שטאט, אז ער זאל דיך מחזיר בתשובה זיין**.

• • •

**דער הייליגער חיד"א זי"ע אין זיין ספר שם הגדולים שרייבט**, אז דער הייליגער מגן אברהם זי"ע האט געלעבט זיין גאנץ לעבן אין א שרעקליכע ארעמקייט, ער האט זיך קוים דערנערט און כמעט נישט געהאט קיין געלט צו קויפן פאפיר און טינט צו פארשרייבן זיינע חידושים.

דערפאר, ווען עס פלעגט אים בייפאלן א טיפער חידוש אדער א בירור הלכה ביים לערנען, **האט ער גענומען שטיקלעך קוילן און אראפגעשריבן די ראשי פרקים אויף די קאלעכדיגע ווענט און אויף די טירן פון זיין שטיבל**, שפעטער, ווען ער האט מיט גרויס מיה פארשאפט עפעס א בלעטל אדער שטיקלעך פאפיר, האט ער מעתיק געווען די תורה פון די ווענט צום פאפיר.

• • •

**אין סדר הדורות מסורת גדולי החסידות ווערט געברענגט**, אז יארן לאנג האט זיך דער הייליגער מגן אברהם זי"ע באהאלטן פון דער וועלט און געארבעט אלס א פשוט'ער מלמד פאר קליינע קינדערלעך (מלמד דרדקי) אין שטאט קאליש, כדי זיך צו שפייזן פון אייגענעם הארוואניע.

ער פלעגט לערנען מיט די קינדער די אותיות און נקודות מיט אן אומבאשרייבליכע יראת שמים און ערליכקייט, און קיינער אין שטאט האט נישט געוואוסט וואספארא ריז אין תורה עס זיצט צווישן זיי.

ערשט שפעטער, ווען עס איז אונטערגעקומען א שווערע און קאמפליצירטע שאלה אין שטאט וואס די ארטיגע דיינים האבן זיך

געמוטשעט דערויף, האט דער באשיידענער מלמד אראפגעשריבן א קורצע תשובה פול מיט גאונות און בקיאות אין ש"ס ופוסקים וואס אלע רבנים פון שטאט האבן גאר שטארק באוואונדערט, הערשט דעמאלט האבן די בני העיר איינגעזען אז דער מלמד איז פיל גרעסער פון אלעמען, און מען האט אים באלד אויפגענומען אלס דיין און מורה צדק.

• • •

**אין די הקדמה פונעם ספר מגן אברהם שרייבט דער זוהן רבי משה זי"ע**, אז נאך דער פטירה פון זיין גרויסן טאטן דער הייליגער מגן אברהם זי"ע, איז דער הייליגער כתב יד געבליבן ליגן יארן לאנג אין א ווינקל, ווייל די יתומים זענען געווען אומבאהאלפן און האבן נישט פארמאגט קיין פרוטה צו באצאלן פארן דרוקער.

און דער זון, הגאון רבי משה האט דערציילט, אז דער פאטער איז צו אים געקומען עטליכע מאל אין חלום און געפאדערט מען זאל זיך אונטערגארטלען און דרוקן דעם ספר, **ווייל אין הימל מאכט דער חיבור א גרויסן רושם**, דער זוהן רבי משה האט גלייך געפאקט זיינע פעקלעך, גענומען דעם וואנדער-שטעקן אין דער האנט, און איז געגאנגען נע ונד איבער שטעט און דערפער פאר גאנצע צען יאר מיט א מסירת נפש כדי צו שאפן געלט, **ביז ער האט זוכה געווען אפצודרוקן דעם הייליגן חיבור אין שטאט פראנקפורט**.

• • •

**אינעם הקדמה פונעם ספר מגן אברהם ווערט געברענגט**, אז די גדולי הפוסקים און צדיקי הדורות האבן מעיד געווען, **אז דער הייליגער מגן אברהם זי"ע האט געשריבן זיין ספר מיט אפענער רוח הקודש**, זיין לשון אינעם ספר איז גאר קורץ און שארף, און ער שרייבט אפט בלויז געציילטע מילים אדער צייכנט בלויז אן א מראה מקום, וואס אונטער דעם ליגט א גאנצע סוגיא.

און דער הייליגער מחצית השקל זי"ע שרייבט מיט אן אמת'ן ציטער, **אז יעדער וואס לערנט דעם מגן אברהם זעט קלאר אז קיין שום מענטש קען נישט באווייזן אזא מלאכה אן א געטליכער השפעה פון הימל, און עס איז פשוט נישט פארהאן אפילו איין איבעריג ווארט אדער איין איבעריגע אות אין זיין גאנצן חיבור**.

• • •

**אינעם ספר עטרת זהב ווערט געברענגט**, אז ווען דער הייליגער מגן אברהם זי"ע איז נאך געווען א יונג בחור'ל נאך די שרעקליכע פרעות פון **ת"ח ות"ט**, וואו זיינע עלטערן זענען ליידער אומגעקומען אויף קידוש השם, איז ער אנטלאפן מיט גרויס שרעק קיין בריסק, און דער גאון דער הייליגער מגן אברהם איז אנגעקומען קיין בריסק אן א פרוטה אין טאש, הונגעריג און קאלט.

דארט האט אים באגעגנט **דער גאון הדור הגה"ק רבי יואל סירקיש דער הייליגער ב"ח זי"ע**, און דער הייליגער ב"ח האט אריינגעקוקט אין די אויגן פונעם יתום, און ער האט דערשפירט די גרויסע נשמה וואס שטעקט אין אים, און אים אנגעוואונטשן מיט א ברכה מופלגת, און דער הייליגער ב"ח האט געזאגט, "**אז דאס קינד וועט באלייכטן די גאנצע וועלט מיט זיין תורה און וועט זיין איינער פון די גרעסטע פוסקים ביי כלל ישראל**", און די ברכה פונעם ב"ח האט אים באגלייט זיין גאנץ לעבן.

• • •

**אינעם ספר מגיני ארץ ווערט געברענגט**, אז אין חסידישע ספרים ווערט געברענגט א אינטערעסאנטע הימלישע מעשה איבער דער הדפסה פונעם שולחן ערוך, וואס האט דעם פירוש פונעם **מגן אברהם**, וואס איז ארגינעל גערופן געווארן דורכן מחבר מיט'ן נאמען "**נר ישראל**", און אויך האט מען געדריקט דעם פירוש פונעם גאון **רבי דוד הלוי סג"ל** אויף יורה דעה וואס איז גערופן געווארן "**טורי זהב**" (**ט"ז**).

ווען מען האט געוואלט דרוקן דעם חלק אורח חיים, האט מען באשלאסן ארויפצולייגן **סיי דעם ט"ז** (וואס אויף אורח חיים הייסט זיין חיבור "מגן דוד") און **סיי דעם פירוש פונעם מגן אברהם** צוזאמען אויפן זעלבן דף, כדי זיי זאלן זיך משלים זיין איינער דעם אנדערן.

ווערט געברענגט אלס א קבלה און חסידות, אז אין הימל האבן ביידע נשמות געגעבן א הסכמה פולקאם שלום צו מאכן צווישן זייערע פסקים, און מען האט געגעבן פאר דעם ספר דעם נאמען "**מגיני ארץ**", **מגן דוד** אויף איין זייט און **מגן אברהם** אויף דער צווייטער זייט, און צדיקים פלעגן זאגן, אז די

צוויי חיבורים זענען ווי "**שני לוחות הברית**" **וואס האלטן אויס דעם עמוד ההלכה פון גאנץ כלל ישראל**.

• • •

**אינעם ספר דברים ערבים ווערט געברענגט**, בשם דעם הייליגן בעל שם טוב זי"ע, אז ער האט אמאל פארציילט פאר זיינע תלמידים א מורא'דיגע עובדה בעולם העליון.

דער בעש"ט האט געזען אין הימל דעם הייליגן מגן אברהם זיצן אין א גאר הויכן היכל אין גן עדן, **ארומגענומען מיט טויזנטער מלאכים און נשמות**, און דער בעש"ט האט באמערקט **אז דער מגן אברהם האט אויף זיך א מלבוש וואס שיינט ווי דער זון, אבער דער ארבל פון זיין מלבוש איז געווען עטוואס צעריסן**.

האט דער בעש"ט געפרעגט וואס דאס באדייט, האט מען אים געענטפערט פון הימל, "**דער צדיק האט זוכה געווען צו די אלע העכסטע מדרגות ווייל ער האט געלערנט תורה מתוך עוני און קיינמאל נישט געזוכט קיין שום כבוד אדער הנאה אויף דער וועלט, דער צעריסענער ארבל ווייזט אויף דער שרעקליכער ארעמקייט וואס ער האט געהאט אויף דער וועלט, ווען ער פלעגט זיצן ביינאכט אין דער קעלט מיט צעריסענע בגדים און זיך פלאגן אויף דער תורה נאר לשם שמים**", און דאס איז וואס איז באמת חשוב אין הימל.

• • •

**אינעם ספר תולדות אנשי שם ווערט געברענגט**, אז דער הייליגער מגן אברהם זי"ע איז געווען באקאנט מיט זיין עקסטרעמע **זהירות אין הלכה און זמני היום**, ספעציעל זיין שיטה אין **סוף זמן קריאת שמע** (וואס איז פריער לויט זיין חשבון פון עלות השחר ביז צאת הכוכבים), מען פארציילט, אז איינמאל איז ער געפארן אויפן וועג אינאיינעם מיט א גרופע אידן.

אינמיטן וועג, נאך פאר דער זון איז ארויסגעקומען, האט ער געזען אז דער זייגער ריקט זיך און עס דערנענטערט זיך דער זמן קריאת שמע לויט זיין שיטה, ער האט גלייך געהייסן דעם בעל עגלה אפשטעלן דעם וואגן אינמיטן בלאטע, אראפגעשפרונגען אויף דער ערד, זיך ארומגעוואשן די הענט און מקבל געווען עול מלכות שמים מיט א פחד און ברען ווי איינער וואס שטייט פאר א קעניג, אן קיין שום פשרות אדער חשבונות פון וועג.

• • •

**אינעם ספר מסורת חסידים ואנשי מעשה ווערט דערציילט**, אז אין די יארן וואס דער הייליגער מגן אברהם זי"ע איז געווען א באהאלטענער מלמד דרדקי אין שטאט קאליש, איז ער איינמאל געזעצן אין בית המדרש איבער א גמרא נאך מעריב, עס איז אריינגעקומען א גביר פון שטאט, א תקיף, און האט געזוכט א מנין פאר א יארצייט, און זעענדיג דעם פשוט'ן מלמד זיצן אין א ווינקל מיט צעריסענע קליידער, האט ער אים אנגעשריגן מיט גרויס ביטול און געזאגט, "**וואס זיצט איר דא ליידיג, שטעלט זיך צו צום מנין**!".

דער מגן אברהם האט גארנישט געענטפערט, נאר שטילערהייט צוגעמאכט די גמרא און זיך געשטעלט דאווענען, יארן שפעטער, ווען זיין נאמען האט שוין געדונערט איבער דער גאנצער וועלט און ער איז שוין געווען דער ראב"ד אין קאליש, איז דער זעלבער גביר געקומען צו אים צו א דין תורה.

ווען דער גביר האט דערקענט, אז דער גרויסער רב איז דער זעלבער אמאליגער מלמד, איז אים באפאלן א שרעקליכע ציטער און ער האט געציטערט פאר נקמה, האט אים דער מגן אברהם באלד בארואיגט מיט גרויס ענוה און געזאגט, "**זייט נישט דערשראקן, ווייל נאך יענעם אוונט האב איך אייך גלייך מוחל געווען פון טיפן הארצן, איך האב גארנישט אויף אייך קיין שום קפידא, און ביי מיר איז א דין תורה פון יעדן איד גלייך ווי דער גרעסטער קעניג**".

• • •

**אין הקדמות לפירושי המגן אברהם ווערט געברענגט**, אז ווען דער הייליגער מגן אברהם זי"ע האט געענדיגט שרייבן זיין גרויסן פירוש אויף שולחן ערוך (וואס ער האט גערופן "**נר ישראל**"), **האט ער געפאסט עטליכע תעניתים און געוויינט מיט הייסע טרערן צום בורא עולם**, ווען איינער פון זיינע מקורבים האט אים געפרעגט, "**רבי, מען דארף דאך מאכן א יום טוב און א סעודת הודאה אז מען האט זוכה געווען מסיים צו זיין אזא חיבור, פארוואס פאסט דער רבי**".

האט דער הייליגער מגן אברהם געענטפערט מיט אן אמת'ן ציטער, "**איך האב מורא אז איך האב חלילה געמאכט איין גרייז אין אן הלכה, אדער אז איין ווארט איז נישט געשריבן אינגאנצן לשם שמים, און עס וועט ח"ו ארויסקומען א מכשול פאר אן איד, איך פאסט און בעט אז דער אויבערשטער זאל אויסמעקן יעדן אות וואס איז נישט אויסגעהאלטן בתכלית השלמות פאר זיין כבוד יתברך**".

• • •

**איינעם ספר אור נפלאות ווערט געברענגט**, אז ביי די תלמידי הבעל שם טוב פלעגט מען קוקן אויף די כתבי ידות פונעם מגן אברהם **ווי אויף תשמישי קדושה ממש**.

דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע האט אמאל געהאלטן אין די הענט עטליכע בלעטער פון די ארגינעלע כתב יד פונעם מגן אברהם, און דער חוזה האט אריינגעקוקט אין די אותיות, **ארומגענומען די בלעטער מיט ביידע הענט, זיי געקושט מיט גרויס דביקות און געזאגט פאר זיינע ארומיגע, "פון די אותיות שפירט זיך נאך א ריח פונעם גן עדן וואס האט ארומגענומען די שטוב פונעם הייליגן מחבר ווען ער האט דאס געשריבן, און יעדער אות איז געשריבן מיט טהרת המחשבה און ביטול היש**".

• • •

**איינעם ספר תולדות גדולי פולין ווערט דערציילט**, אז איינמאל איז געקומען א גרויסער למדן צום הייליגען מגן אברהם זי"ע מיט א גאנצע קונטרס פול מיט שאלות און קשיות אויף א שווערער סוגיא אין הלכות שבת, וואו דער למדן האט געמיינט אז ער האט אפגעווארפן די ווערטער פונעם מחבר השולחן ערוך.

דער הייליגער מגן אברהם האט אויסגעהערט אלע שאלות מיט געדולד, און אנשטאט אריינצוגיין אין לאנגע פלפולים, **האט ער אויפגעמישט א גמרא, אנגעוויזן מיט'ן פינגער אויף בלויז איין איינציג ווארט אין רש"י וואס דער למדן האט פארזען**, און געזאגט, "**אויב מען לייגט גוט צו קאפ צו דעם ווארט, פאלן אלע קשיות אוועק ווי א זייפן-בלאז**".

דער למדן איז געבליבן ערשטוינט פון זיין טיפן בליק, ווי ער האט אין איין רגע געקענט באלייכטן א גאנצע סוגיא מיט זיין שארפן כח הדיוק.

• • •

**אינעם ספר מסורות קדושים מדור דור ווערט דערציילט**, אז דער הייליגער מגן אברהם זי"ע איז געווען זייער נזהר זיין גאנץ לעבן מיט אן אוממענטשליכער מ**סירת נפש אויף טהרת הגוף, און בפרט אויף טבילת עזרא יעדן איינציגן צופרי פאר'ן דאווענען**, אין די טיפע פוילישע ווינטערס פלעגט דער טייך אין קאליש אינגאנצן פארוואנדלט ווערן אין אייז.

פארציילט מען, אז דער מגן אברהם פלעגט אויפשטיין פארטאגס ווען אלע אידן זענען נאך געשלאפן, גיין צום טייך, אליין אויסהאקן דאס דיקע אייז מיט א גרויסער האק, און זיך טובל'ען אינעם אייז-קאלטן וואסער.

אמאל, נאכדעם וואס ער איז ארויסגעקומען פונעם טייך, **זענען זיינע פוס אזוי שטארק פארפרוירן געווארן, אז די הויט האט זיך אנגעכאפט און צוגעקלעבט צום שניי, ביז עס האט גערונען בלוט פון זיינע הייליגע פיס**.

ער האט אבער נישט געוואלט פארפעלן קיין טבילה אדער אפשטעלן זיין סדר הלימוד, און ער פלעגט זאגן, "**אז א גוף וואס איז נישט גע'טובל'ט, קען נישט משיג זיין די ריכטיגע טיפקייט פון דער הייליגער תורה**".

• • •

**אינעם קונטרס תולדות מגן אברהם ווערט דערציילט**, אז כאטש דער עולם קען דעם הייליגען מגן אברהם זי"ע בעיקר **אלס דער גרויסער פוסק אין הלכה**, איז ער אבער געווען **אן איש אלוקי קדוש** וואס איז געווען דבוק אין **תורת הנסתר**, ער האט אויך מחבר געווען הגהות אויף דעם הייליגן "**ספרא דצניעותא**" פונעם זוהר הקדוש.

ווערט דערציילט דורך זקני קאליש, אז איינמאל שפעט ביינאכט איז א תושב פון שטאט פארבייגעגאנגען זיין פענסטער **און געזען א גרויסן שיין אין זיין צימער, כאילו עס ברענט א פייער**, דער מענטש האט זיך זייער דערשראקן און אריינגעקוקט דורכ'ן שפאלט פון דער טיר צו זען אויב מען דארף ראטעווען די מענטשן פון דעם הויז.

צו זיין ציטער האט ער געזען דעם הייליגן מגן אברהם זיצן פארגליווערט אין א גרויסער דביקות, איבערגעבויגן איבער די כתבי האר"י הקדוש, און א העלער זייל פון פייער האט ארומגערינגלט זיין הייליגן קאפ ביז'ן דאך, **דער מענטש איז אנטלאפן מיט א שרעקליכן פחד און ערשט נאך דער פטירה פונעם מחבר האט ער אויסגעזאגט וואס ער האט זוכה געווען צו זען**.

• • •

**אינעם ספר נר ישראל ווערט דערציילט**, אז דאס **פרישות** און **שמירת החושים** פונעם הייליגען מגן אברהם זי"ע איז געווען עפעס וואס מען קען זיך נישט פארשטעלן, מען פארציילט אז אין די יארן וואס ער האט געוואוינט אין שטאט קאליש, אפילו ווען ער איז שוין געווען דער מרא דאתרא און ראב"ד, **האט ער קיינמאל נישט אויפגעהויבן זיינע אויגן העכער ד' אמות ביים גיין אין גאס**.

עס איז אמאל אויסגעקומען, אז מען האט געבויט א פרישע גרויסע געביידע ממש אנטקעגן זיין בית המדרש, א זאך וואס האט פארנומען עטליכע חדשים מיט גרויס גערודער, א שטיק צייט שפעטער האט איינער דערמאנט פאר'ן מגן אברהם עפעס וועגן דעם נייעם בנין.

דער מגן אברהם האט זיך געוואונדערט און געפרעגט, "**וואספארא בנין, איך האב גארנישט געזען**", ער איז יעדן טאג פארבייגעגאנגען יענעם פלאץ צענדליגער מאל, אבער צוליב זיין געוואלדיגע קדושת העיניים און זיין דביקות אינעם בורא, האט ער בכלל נישט באמערקט אז די גאס האט זיך געטוישט.

• • •

**אין ספר שבחי גדולי ישראל ווערט דערציילט**, אז ביי חסידישע רבי'ס פלעגט מען דערציילן, אז א טייל פון די גרויסע הכרעות אין הלכה פונעם הייליגען מגן אברהם זי"ע **זענען נישט געווען בלויז פון שכל אנושי, נאר פונעם הימל אליין**.

דער הייליגער צדיק **רבי מענדעלע מרימנוב** זי"ע פלעגט זאגן, אז ווען דער מגן אברהם פלעגט זיצן אין זיין קליין שטיבל און פסק'ענען די שווערע הלכות אין שלחן ערוך, **פלעגט זיך צו אים באווייזן אליהו הנביא זכור לטוב אים אויסצוקלארן די טיפע כוונות פון די ראשונים ואחרונים**, און צוליב דער דאזיגער גרויסע קדושה האט כלל ישראל אנגענומען זיינע פסקים מיט אזא הייליגער יראת הכבוד, און דערפאר האט מען אין אלע בתי מדרשים געציטערט אראפ צו נעמען אפילו איין אות וואס דער מגן אברהם האט אראפגעשריבן.

**יארצייט ד' תשרי**

**הרה"ק רבי יצחק זעקיל ארי' לייב ב"ר מתתיהו זי"ע, (וורמסר)**
**הבעל שם ממיכלשטאט**

ער איז געבוירן אין שטאט מיכלשטאט, **בשנת תקכ"ח**.

צו זיין טאטן הרה"ק **רבי מתתיהו מווארמש** זי"ע, און צו זיין מאמע **הצדקת מרת סורלה** ע"ה, וואס איז געווען א צדקת און א אשה צנועה.

ער איז געווען א קדוש אלוקי, א חריף עצום און א למדן און א עילוי נפלא בתורה, ער איז געווען א בקי בנגלה ובנסתר, א בעל מופת עצום און א גרויסע פועל ישועות, ער איז געווען א שפל ברך און א גרויסע עניו און געלעבט א גאר פשוטע לעבן, ער האט זיך זיין גאנץ לעבן גאר אסאך מסגף געווען און כמעט נישט הנאה געהאט פון דעם וועלט.

אויך איז ער געווען א בעל מכניס אורח עצום, יעדער האט ביי אים געטראפן אן אפען טיר און דער צדיק האט זיך אליין אפגעגעבן מיט די אורחים און נישט געלאזט קיינעם צו נעמען דעם מצוה פון אים, און ער פלעגט כסדר זאגן, **אז ווען עס קומט צו העלפן א איד א ארימאן, זאל מען זיך נישט פארלאזן אויפן באשעפער, נאר ביי דעם מצוה זאל א איד טון אליין און העלפן אנדערע**.

דער טאטע איז געווען א דור חמישי פון הרה"ק **רבי אליהו בעל שם דומ"ץ וורמייזא** זי"ע, און ווען עס איז געווארן דער געזעץ, אז יעדער ברויך האבן א משפחה נאמען, האט די טאטע גענומען דעם נאמען "**וורמסר**", צוליב וואס דער הייליגער זיידע האט געוואוינט אין **וורמייזא**, וואס די יחוס איז געווען פון די משפחה פון **לוריא** און **אשכנזי** ביז צום **הייליגען מהרש"ל** זי"ע און אויך ביזן **אר"י הקדוש** זי"ע.

אויך איז ער געווען א אייניקל פון דעם גרויסן **שתדלן והנגיד המפורסם** הרה"ק **רבי יוסלמן מרוסהיים** זי"ע, וואס איז געווען מפורסם אויך אלס א גרויסע בעל מקובל.

מען דערציילט, אז די עלטערן זענען געווען גאר ערליכע אידן וואס האבן געדינט דעם באשעפער מיט א געוואלדיגע תמימות, דער טאטע איז געווען א סוחר וואס האט געארבעט מיט א געוואלדיגע ערליכקייט, יעדע שמחת תורה ווען מען האט פארקויפט די זכותים פארן יאר, האט דער טאטע יעדעס יאר געקויפט דעם זכות, **פון אויפמישן די ספר תורה ערב שבת צום סדרה פון די וואך**.

אבער איין יאר האט איינע פון די עשירים פונעם שטאט מציע געווען מער געלט ווי ר' מתתיהו האט געקענט צו זאגן, און יענער עושר האט זוכה געווען צו דעם כיבוד, דאס האט זייער ווי געטון פאר ר' מתתיהו אז ער וועט נישט האבן דעם זכות, אבער מיט זיין ערליכקייט און תמימות האט ער נישט געלאזט אז דאס זאל ח"ו שטערן זיין שמחת יו"ט, **נאר ער האט זיך ווייטער געפרייט מיט די תורה הקדושה**.

שפעטער ווען די טאטע איז אהיים געקומען פון שוהל, האט ער זיך געזעצט צו די סעודה, און די טאטע האט כסדר געהאט גאר אסאך אורחים ביים טיש, נאך די סעודה איז צו די עלטערן צו געקומען איינע פון די אורחים, און זיך גאר שטארק באדאנקט פארן אים אריין נעמען צו זיי אין שטוב אויף יו"ט, און דאן האט דער אורח געפרעגט פון די עלטערן, מיט וואס ער קען זיי בענטשן.

די טאטע נישט טראכטענדיג צוויי האט גלייך געענטפערט, **מיר האבן שויןליידער פארלוירען 6 קינדער יונגערהייט, בעטן מיר א ברכה, אז מיר זאלן זוכה זיין צו א בן זכר זש"ק**, דער אורח האט זיי גלייך געגעבן א ברכה, אז זיי זאלן זוכה זיין צו האבן א קינד, **וואס זאל אויסוואקסן א גדול בישראל און באלייכטען די וועלט**, דער טאטע האט געפרעגט דעם אורח וואס זיין נאמען איז, האט דער אורח געענטפערט אז מען רופט אים **אליהו**, און דאן איז דער אורח נעלם געווארן.

צום יאר איז צו די עלטערן געבוירן געווארן א בן זכר, וואס דאס איז געווען דער הייליגער צדיק וקדוש **רבי יצחק זעקיל בעל שם ממיכלשטאט** זי"ע, ביים ברית האט מען דעם קינד א נאמען געגעבן **יצחק ארי' זעקיל לייב**.

ביי די אכט יאר אלט, האט דער בעל שם ממיכלשטאט שוין געשמ'ט מיט זיין גוואלדיגע גדלות בתורה און אויך אלס א גאר קלוג קינד, אז מען האט שוין דאן נישט געקענט טרעפן קיין מלמד אין שטאט וואס זאל זיין ראוי צו לערנען מיט דעם קינד.

מען דערציילט, אז דער טאטע זייענדיג א סוחר האט געוואלט דעם קינד אויך אויס לערנען מוסחר אז ער זאל פון דעם האבן פרנסה, אבער ווען דער טאטע האט דעם קינד געשיקט צום מארק אויף מסחר, **האט מען דעם קינד געטראפן זיצן מיט א ספר און לערנען מיט א געוואלדיגע התמדה**, דאן האט דער טאטע פארשטאנען, אז דער קינד איז עפעס העכער און איז נישט ראוי לאותה איצטלה, און פון דאן האט ער געלאזט דעם קינד נאר עוסק זיין בתורה.

ער איז געווען מפורסם אלס א גאר ערליכער קינד, אידן האבן גאר אסאך פארברענגט מיט אים אין תורה און יעדער איז ממש ארויס פון התפעלות פון זיין גדלות וחריפות בתורה, אויך איז ער געווען מפורסם אלס א גאר קלוגער קינד און אנדערע זאכן חוץ תורה, אידן האבן זיך מיט אים דורך גערעדט אין אנדערע חכמות אויך, און אידן האבן שוין דאן אפילו ער איז געווען א קליין קינד באהאלטן געלט ביי אים וויסענדיג זיין ערליכקייט און חכמה.

ביי די בר מצוה האט דער קינד זייער געוואלט גיין לערנען אין א ישיבה, אבער די עלטערן וואס האבן ליידער פארלוירן 6 קינדער האבן נישט געקענט לאזן דעם קינד אוועק פארן, זיי האבן גענומען פארן קינד די בעסטע מלמדים וואס זאלן מיט אים לערנען, אבער יעדער איינס ביי איינס האט מסביר געווען פאר די עלטערן, אז דאס קינד פאדערט אסאך מער ווי זיי קענען מיט אים לערנען.

ביי די 16 יאר האבן די עלטערן שוין מסכים געווען צו שיקן דעם קינד אין ישיבה, ער איז דאן געפארן לערנען קיין פרנקפורט אין די ישיבה פון הגה"ק **רבי פנחס הלוי הורוויץ בעל הפלאה** זי"ע, וואס די שטאט פראנקפורט איז דאן געווען א עיר ואם בישראל פיל מיט גדולים און גאונים בתורה, דארט האט ער געלערנט ביים גאון וגדול בישראל הגה"ק **רבי נתן אדלער** זי"ע, אויך האט ער דארט געלערנט בחברותא מיט הגה"ק **רבי משה סופר בעל חתם סופר** זי"ע.

דארט אין ישיבה איז דער גאון רבי יצחק זעקיל געוואקסן אין תורה, ער האט עוסק געווען בתורה יומם ולילה מיט א געוואלדיגע התמדה און מסירת נפש, ער איז געווען ממש אויסגעטון פון עולם הזה, גאר שנעל איז ער געווארן מפורסם אלס איינע פון די גדולי תלמידים פון די ישיבה.

אויך איז ער באוויסט געווען מיט זיין געוואלדיגע קדושה און יראת שמים און א געוואלדיגע בעל מידות טובות נפלא, אויך האט ער דארט ביי זיין רבין רבי נתן אדלער קונה געווען דעם דרך אין עבודת השם דורך סיגופים און תעניתים, אויך האט ער דארט קונה געווען דעם חכמת הקבלה.

מען דערציילט, אז דער גאון האט געהאט א געוואלדיגע זכרון, אז עפעס וואס ער האט געלערנט ביי זיין רבין רבי נתן אדלער איינמאל, האט ער געדענקט בעל פה, אז ער האט זיך אפגעהאלטן פון אפשרייבן חידושי תורה אדער סיי וואס, ווייל דער גאנצער היתר צו שרייבן תורה של בעל פה איז כדי מען זאל דאס נישט פארגעסן, און וויבאלד ער האט דאך גארנישט פארגעסן, האט ער נישט אפ געשריבן די חידושים.

ביי די 18 יאר אלט האט דער גאון וקדוש זיך מנדר געווען פון עסן **א דבר היוצא מן החי**, און דערפאר האט ער זיין גאנצע לעבן **נישט געגעסן קיין פיש פלייש און אפילו נישט קיין אייער אדער מילכיגע זאכן, נאר ער האט געגעסן פרוכט און גרינצייג**.

ער איז געווען א אהוב וחביב לבריות און א גרויסע בעל צדקה, ער האט גאר גרויסע סכומים פארטיילט פאר ארימעלייט און נצרכים און עוסק געווען אין הכנסת אורחים און זיך אליין אפגעגעבן מיט די אידן, אויך האט ער עוסק געווען אין דעם מצוה פון ואהבת לרעך כמוך און געברענגט שלום בין אדם לחברו, אויך ווען ער איז שוין מפורסם געווארן אלס א פועל ישועות, האט ער מיט זיין

גרויס עניוות זיך נישט גרויס געהאלטן מיט די מופתים, נאר כסדר געזאגט, אז דאס קומט בדרך הטבע פונעם גרויסן באשעפער אליין.

ער האט חתונה געהאט מיט **הצדקת מרת אלדהייד** ע"ה,
בת **הנגיד מנכבדי הקהילה רבי יצחק אייזיק רייס** ז"ע.

נאך די חתונה איז ער צוריק וואוינען צום שטאט **מיכלשטאט** דארט ווי זיינע עלטערן האבן געוואוינט, דארט האט זיך דער גאון אריינגעווארפן אין תורה ממש יומם ולילה, ער האט דארט געלערנט מיט א געוואלדיגע התמדה און געוועןאויסגעטון פון די וועלט.

ביי די 20 יאר האט ער פארלוירען זיינע עלטערן, און דאן האט ער נישט געהאט קיין פרנסה און אויך האט ער ליידער דאן געליטן פון א מחלה וואס האט אים זייער אפגעשוואכט, אבער דער גאון וקדוש האט נישט נאך געלאזט, נאר ער האט ווייטער עוסק געווען בתורה מיט א מסירת נפש, אויך האט ער געלערנט מיט תלמידים וואס פון דעם האט ער געהאט א שטיקל פרנסה צו קענען לעבן.

אפילו מען האט אים דאן נישט אויף געגומען אלס רב פון שטאט, צוליב וואס ער האט שוין דאן עוסק געווען בתורת הקבלה און געטיילט קמעות, וואס דאס איז דאן געווען א נייע זאך, און די שטאט לייט האבן מורא געהאט דערפון, מיט דעם אלעם האבן זיך אסאך אידן מדבק געווען אין דעם צדיק.

צוליב די רדיפות פון זיינע קעגנער, האט ער זיך פאר אפאר יאר געצויגען צום שטאט **מאנהיים**, דארט איז ער נתפרסם געווארן אלס א גרויסע פועל ישועות און א בעל מופת עצום, ער האט ספעציעל געהאט א גרויסן כח אויס צו היילן חולי נפש וואס זענען ליידער קראנק געווארן און משוגע געווארן, צענדליגע אידן האבן געזען ביי דעם צדיק גרויסע מופתים.

מען דערציילט, אז ווען ער איז אנגעקומען דאס ערשטע מאל קיין מאנהיים, איז דארט געווען א פרוי א מאמע פון א שטוב מיט קינדער, וואס איז ליידער אראפ פון זינען און געליטן פון חולי נפש, די משפחה האט נישט געוויסט וואס צו טון מיט די מאמע פאר א רפואה.

ווען דער צדיק איז אנגעקומען, איז די משפחה געלאפן צום צדיק אז ער זאל אויספועלען א רפואה פאר די מאמע, א וואך איז דורך און די פרוי איז אויס געהיילט געווארן און אינגאנצן געזונט געווארן, דאן איז זיין נאמען ארויס אין אלע שטעט ארום מיט זיין גרויסע כח מיטן פועל'ן ישועות און הונדערטער אידן זענען געקומען זיך מזכיר זיין ביי דעם צדיק וקדוש.

ליידער צוואנציג יאר נאך זיין חתונה איז זיין רעבעצין נפטר געווארן און איבער געלאזט דעם צדיק מיט א שטוב מיט קינדער אן קיין פרנסה, ער האט מקבל געווען דעם דין שמים באהבה און ער האט זיך מחזק געווען און ווייטער געלערנט מיט א געוואלדיגע התמדה.

א קורצע צייט שפעטער האט ער חתונה געהאט בזיווג שני מיט **הצדקת מרת חנה ממאנהיים** ע"ה, און ווי עס איז מקובל, איז די זיווג שני געווען די טאכטער פון די פרוי וואס דער גאון האט אויסגעהיילט גלייך ביים אנקומען אין שטאט מאנהיים.

בשנת תקפ"ב האט מען דעם גאון אפיציעל אויף געגומען אלס רב אין שטאט **מיכלשטאט**, דאן האט ער אנגעהויבן פירן זיין עדה הקדושה, און אפילו זייענדיג א גרויסער עניו און נישט וועלענדיג נעמען קיין רבנות, האט ער בלית ברירה געגומען דאס רבנות אין שטאט, און דאס אלעס האט ער נאר געטון כדי צו מרביץ תורה זיין פאר די אידן פון שטאט.

ער איז דאן געווארן באוויסט אלס א גרויסע פועל ישועות, אפילו גרויסע גדולים און גאונים בדורו האבן געשיקט הזכרות צו דעם צדיק, ובתוכם הגה"ק **בעל החתם סופר** ז"ע, און הגה"ק **בעל חידושי הרי"ם** ז"ע, הונדערטער אידן זענען געהאלפן געווארן דורך זיינע ברכות און קמיעות, און דאן האט ער באקומען דעם נאמען "**בעל שם**" צוליב די גרויסע מופתים און זיין געוואלדיגע גדלות בתורת הנסתר און קבלה.

אויך האט ער דאן אויף געשטעלט זיין ישיבה אין שטאט מיכלשטאט, ווי עס האבן געלערנט גרויסע גאונים בתורה, הונדערטער גדולים זענען ארויס געקומען פון דעם ישיבה, דער צדיק האט זיך אליין אפגעגעבן מיט די תלמידים און געמאכט זיכער אז עס פעלט גארנישט פאר די תלמידים סיי ברוחניות און סיי בגשמיות.

ווי עס ווערט דערציילט, האט דער צדיק גאר אסאך אידן געהאלפן און אידן פלעגן שיקן גרויסע סכומים פארן צדיק, אבער ער האט רוב פון די געלטער געניצט צו קויפן ספרי קודש פאר די ישיבה און מיט די יארן האט ער געהאט א גרויסע אוצר הספרים.

אויך פלעגט ער פון די אלע געלטער אויס האלטן די ישיבה און פארטיילן גרויסע סכומים פאר צדקה, און עס האט זיך געקענט מאכן צייטן וואס עס האט דורך דעם געהערשט א גרויסע ארעמקייט ביים צדיק אין שטוב.

בשנת תקפ"ה האט דער צדיק געהאט א חלום אז עס גייט אויס ברעכן א שריפה ביי אים אין שטוב, מען האט געבעטן דעם צדיק אז ער זאל פארקויפן דעם הויז און זיך אריין ציען צו א נייע הויז, אבער דער צדיק האט דעם הויז נישט געוואלט אויפגעבן, צוליב וואס דאס איז געווען דער הויז ווי זיינע עלטערן האבן געוואוינט.

ליידער חודש תשרי בשנת תקפ"ו דריי יאר נאכדעם וואס ער האט אויף געמאכט זיין ישיבה, אינמיטן די נאכט האט אויס געבראכן א גרויסע שריפה אין זיין שטוב, און דאס גאנצע שטוב און אויך די ישיבה זענען פארניכטעט געווארן, מיטנעמענדיג אלעס וואס דער צדיק האט פארמאגט, צווישן די זאכן זענען געווען גאר אסאך חידושים און דברי תרה וואס ער האט זיך פארשריבן און אויך דעם גאנצן אוצר הספרים, אפילו די משפחה זענען מיט ניסים ממש געראטעוועט געווארן פון די שריפה.

דעם צדיק האט דאס נישט באריהרט, נאר ער האט זיך ווייטער מחזק געווען און ווייטער עוסק געווען בתורה מיט א געוואלדיגע התמדה, גוטע אידן פונעם שטאט און אויך פון די ארימיגע שטעט האבן צוזאמען געשטעלט גרויסע געלטער צו קענען צוריק שטעלן דעם ישיבה און אויך דעם אוצר הספרים, אבער פון דעם צדיק'ס מכתבים זענען ממש גארנישט געבליבן.

ליידער האט דער צדיק גאר אסאך מיט געמאכט בחייו צער גידול בנים וואס ער האט ליידער פארלוירן אסאך פון זיין קינדער יונגערהייט, אבער מיטן באשעפער'ס הילף האט דער צדיק איבער געלאזט נאך זיך הייליגע קינדער.

הרה"ק **רבי יעקב הירש** זי"ע,
חתנו הגה"ק **רבי שמעון מוזעס** זי"ע,
בתו **הצדקת מרת גנענדל** ע"ה, אשת הגה"ק **רבי אליהו צדוק שטרויס ממיכלשטאט** זי"ע,
הרה"ק **רבי מתתיהו** זי"ע,
**הילד יצחק** ע"ה,
**הבחור שמואל** ע"ה,
הגה"ק **רבי יצחק** זי"ע,
הגה"ק **רבי יהודה** זי"ע,
הגה"ק **רבי מיכאל** זי"ע,
**הילד מאיר** ע"ה,
הגה"ק **רבי שמעון** זי"ע,
הגה"ק **רבי וואלף רפאל** זי"ע,
הגה"ק **רבי אברהם** זי"ע.

אפאר טאג בעפאר ראש השנה בשנת תר"ח, איז דער צדיק אריין געפאלן אין בעט און געווארן זייער קראנק, דאס גאנצע שטאט מיכלשטאט האט איין געריסן פארן צדיק, אבער ליידער זענען די שערי רחמים געווען פארשלאסן און די מצב ביים צדיק איז געווארן שווערער, **אבער דער צדיק איז געווען בצליל הדעה ביזן לעצטן רגע פון זיין לעבן**.

דעם צווייטן טאג ראש השנה האט דער צדיק מיט זיינע לעצטע כוחות געבעטן, אז ער וויל מקיים זיין דעם מצות היום, און געבעטן מען זאל קומען בלאזן שופר.

דער בעל תוקע איז אריין געקומען און פראבירט צו בלאזן אבער עס איז נישט געגאנגען, דאן האט דער צדיק געהייסן, **אז מען זאל באדעקן זיין פנים און אזוי וועט זיך בלאזן שופר**, כך הוה,

אזוי ווי מען האט באדעקט דעם פנים פונעם צדיק האט דער בעל תוקע געקענט בלאזן שופר.

דאן האט דער צדיק געגעבן פונקטליכע אנווייזונגען ווי אזוי די לוי זאל צו גיין, ער האט געבעטן אז מען זאל אים הערשט באערדיגן דעם דריטן טאג נאך זיין פטירה, אויך האט ער געבעטן אז מען זאל דעם ארון טראגן אויף די אקסלען און נישט אויף א וואגען אזוי ווי די רעפארמער פירן זיך, אויך האט ער געבעטן די אידן פון די קהלה, אז מען זאל נישט משנה זיין דעם ניסוח התפילה אדער סיי וואס אין זיין ביהמ"ד נאך זיין פטירה.

אזוי האט דער צדיק געצויגען ביז צום גדליה בערך 7 אזייגער אוונט, און דאן האט דער צדיק געזאגט מיט א הויעך קול "**שמע ישראל**", און נשמתו הטהורה יצאה מיטן ווארט "**אחד**".

בעפאר די פטירה האט דער הייליגער צדיק צו געזאגט, **אז ער וועט ממליץ טוב זיין פאר די וואס וועלן ארויף קומען צו זיין ציון, און ווען א איד וועט זיין אין א עת צרה און וועט קומען צום ציון, וועט ער געהאלפן ווערן מיט א ישועה**, און הונדערטער אידן דערציילן פון גאר גרויסע ישועות וואס מען זעטביים ציון פון דעם הייליגען צדיק זי"ע.

נסתלק לגנזי מרומים **ד' תשרי בשנת תר"ח**, און ער איז געקומען לקבורה ו' תשרי אין ביה"ח אין שטאט **מיכלשטאט**, ליידער האבן די דייטשן ימ"ש חרוב געמאכט דעם ציון ביים מלחמה, און בשנת תשל"ט האט מען דעם מקום קדוש צוריק אויף געשטעלט, און אידן זעהן גרויסע ישועות ביים פוקד זיין דעם מקום קדוש.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**מעשיות**

**מען דערציילט**, אויפן צדיק דער הייליגער בעל שם פון מיסלשטאטזי"ע, אז זיין נאמען איז ארויס שוין אלס יונג קינד אלס א גאר גרויסע חכם, אז אפילו די גוים האבן געוויסט פון זיין חכמה, איין טאג האט דער גראף פונעם דערנעבענדיגן שטאט געבעטן, אז מען זאל דעם קינד אריבער שיקן צו אים, און כדי צו אויספראבירן דעם קינד, האט דער גראף געהייסן, אז מען זאל שיקן דעם קינד אליין אן קיין באגלייטער, און דער גראף האט געוואלט זעהן, אויב דער קינד וועט אליין טרעפן זיין שטוב.

ווען דער קינד איז אנגעקומען, האט דער גראף געהייסן, אז קיינער זאל נישט זיין אין די גאס, כדי צו זעהן אויב דער קינד וועט צוטרעפן דעם ריכטיגן שטוב, ווען דער קינד איז אנגעקומען, האט ער גלייך געטראפן דעם שטוב, און ווען דער גראף האט אים געפרעגט, פון ווי ער האט געוויסט ווי צו גיין, האט דער קינד מיט זיין חכמה געזאגט, **איך האב ארים געקוקט און געזען, אז יעדע פענסטער איז אפען דעם פאראהאנג חוץ פון איינס, האב איך פארשטאנען אז דארט וואוינט דער גראף**, און דערפאר איז דאס פארמאכט כדי זיך צו באהאלטן פון מיר.

דאן האט דער גראף געפרעגט דעם קינד, די תורה זאגט דאך "**אחרי רבים להטעות**", און פארוואס ביסטו א איד און נישט קיין נוצר להבדיל, ווייל עטץ אידן זענען דאך די ווייניגער און אונז זענען דאך די רבים.

האט דער קינד מיט זיין חכמה געענטפערט פארן גראף, דאס איז די זעלבע ווי טרעפן דעם שטוב פונעם גראף, **ווייל יעצט ווען איך ווייס שוין קלאר ווי דער גראף וואוינט, אויב וואלט מיר יעצט איינער געזאגט אז דער גראף וואוינט אין א אנדערן שטוב, וואלט איך דאך געוויסט אז דאס איז נישט אמת.**

דאס זעלבע איז מיט די אידישע גלויבן, **ווייל די אחרי רבים גייט נאר אן ווען עס איז דא א ספק, אבער ווען עס איז נישט דא קיין ספק, נאר עס איז קלאר אז די אידישע גלויבן איז אמת און זיכער, דאן גייט שוין נישט אן דעם אחרי רבים**.

דאן האט דער גראף געוואלט געבן פארן קינד עפעס צו עסן, אבער דער קינד האט געזאגט, **אז זיינע עלטערן האבן אנגעזאגט אז ער זאל קיינמאל נישט עסן קיין עסן פון א פרעמדע שטוב**, האט דער גראף געזאגט, אז ער פארשטייט און ער וויל אים נאר געבן פרוכט.

דער גראף האט געפרעגט דעם קינד אויב ער האט ליב טרויבן, האט דער קינד געזאגט אז **ניין**, פרעגט דער גראף וואס ער וויל האבן, האט דער קינד געזאגט "**טרויבן**", פרעגט דער גראף, **איך האב דאך דיר געפרעגט אויב די האסט ליב טרויבן**, און די האסט געזאגט אז ניין, ענטפערט דער קינד מיט חכמה, **ליב האב איך דעם גרויסן באשעפער, עסן וויל איך טרויבן**, דאן האט דער גראף געזען, אז דער קינד איז א קלוגער יונגל און זייער נתפעל געווארן פון דעם קינד.

• • •

**איינמאל איז א איד א חסיד פונעם הייליגער בעל שם ממיכלשטאט זי"ע געקומען צו זיין רבין**, און זייער געוויינט און דערציילט, ער האט געהאט א שותף וואס צוזאמען האבן די צוויי גאר שיין מצליח געווען און געהאט שיין פרנסה.

אבער ליידער האבן איין טאג רויבער'ס באפאלן דעם שותף, און רח"ל אים גע'הרג'עט און צו גערויבט אלעס פון אים, און זייט דעמאלט איז די פרנסה געגאנגען בארג אראפ, און ער בעט דעם רבין זאל אים זאגן אויב ער זאל נעמען א נייעם שותף אין ביזנעס.

האט אים דער הייליגער צדיק געזאגט, איך האב דיר א גאר גוטן שותף פאר דיין ביזנעס, איך קען אים פרעזענליך ער איז גאר שטארק באגלייבט און ער האט גרויס הצלחה, דער איד האט געזאגט פארן רבין, אויב די רבי האלט אז יענער איז א גוטע שותף וועל איך דאס גלייך טון.

האט אים דער צדיק געזאגט, **דער נייער שותף איז דער הייליגער באשעפער דער בורא כל עולמים, וואס ביי אים איז נישט דא גיין גביל און ער איז באגלייבט אז ער וועט דיך קיינמאל נישט פארנארן**, און דער צדיק האט אים געהייסן מייחד זיין א קופה, ווי ער זאל אריינלייגן א פראצענט פון די פארדינסטן, און דאס מקדיש זיין פאר די ישיבה און דורך דעם וועט ער זעהן גרויס הצלחה.

דער איד האט געפאלגט זיין רבין און טאקע מייחד געווען א קופה ווי ער האט זיך צעטיילט מיט די פארדינסטן, האלב האט ער געגעבן פארן באשעפער פאר צדקה, און דאס אנדערע האלב האט ער גענומען פאר זיך, און ברכת צדיק עושה רושם, און א קורצע צייט שפעטער האט די הצלחה פון דעם איד צוריק אנגעהויבן שיינען.

• • •

**עס ווערט דערציילט**, אז אפילו גוים האבן נהנה געווען פון דעם גוט הארץ פונעם צדיק, גוים און אפילו נוצרים האבן דעם צדיק מכבד געווען און זענען געקומען פאר ברכות און ישועות, און הונדערטער אידן און להבדיל גוים האבן געזען גרויסע מופתים ביי דעם צדיק, אויך ווערט דערציילט, אז דעם מקום קדוש פונעם ציון אין שטאט מיכלשטאט איז געווען א מקום תפילה פאר אידן און להבדיל גוים, און יעדער איז פון דארט ארויס א געהאלפענער.

זיין געוואלדיגע מדת הכנסת אורחים איז געווען אויף גאר א הויכעכע דרגה, ער האט יעדן איד אריין גענומען צו זיך אין שטוב און מיט א געוואלדיגע אהבה באדינט די אורחים און נישט געלאזט אז מען זאל פון אים אוועק נעמען די מצוה, מען האט דעם צדיק געקענט זען אליין שלעפן א הויפן תבועה און שטרוי פאר די געסט, און ווען זיינע בני בית און קינדער האבן געוואלט אויף די עלטערע יארן העלפן, האט ער מסרב געווען און עס געוואלט אליין טון.

מען זאגט נאך אז דער צדיק האט אמאל געזאגט, יעדע מידה וואס איז דא אויף די וועלט **אפילו ח"ו מידות מגינות אדער ח"ו כפירה רח"ל, קען א איד ניצן לשם שמים**, למשל, אויב א ארימאן קומט צו א איד און בעט א נדבה, **דאן זאל א איד ווערן א כופר און נישט טראכטן, אז דער באשעפער וועט שוין העלפן דעם איד, נאר גלייבן אז דער איד האט קיינעם נישט וואס זאל אים העלפן, און נאר ער קען דעם איד העלפן**.

• • •

**מען דערציילט**, אז א איד אין שטאט מיכלשטאט האט געדינגען א דירה פון א גוי, אבער ווען עס איז געקומען צו אונטער שרייבן דעם שטר שכירות, האט דער איד געזען, אז דער גוי פאדערט **אז דער איד זאל בשום אופן נישט ארויף לייגן קיין מזוזה אויפן הויז און אויך נישט אונעם הויז.**

דער איד איז געקומען צום רבין דער בעל שם ממיכלשטאט זי"ע, און געזאגט פארן רבין אז דער גוי וויל אז ער זאל אונטער שרייבן, אז ער וועט

נישט ארויף לייגן קיין מזוזה אויף זיין שטוב, האט דער צדיק מיט זיין חכמה געבעטן דעם גוי, אז ער זאל קומען צו אים אין שטוב, און דער צדיק פרעגט דעם גוי, **אויב ער ווייסט ווי אזוי צו פאריכטן דעם בליצן כאפער אויפן דאך פון זיין שטוב**.

דער גוי האט געזאגט אז יא ער ווייסט ווי אזוי זיך אימצוגיין דערמיט, האט דער צדיק געפרעגט דעם גוי, אויב ער קען ביטע אראפ נעמען דעם בליצן כאפער פון זיין דאך, האט דער גוי געזאגט פארן צדיק, איר האט נישט מורא אויב א בליץ וועט קומען און כאפן דיין הויז, האט דער צדיק געפרעגט דעם גוי, האט איר שוין אמאל געהערט פון א הויז פון א איד וואס איז באטראפן געווארן פון א בליץ, דער גוי האט זיך פארטראכט און ענטפערט פארן רבין, אז ניין ער האט נאך קיינמאל נישט געהערט אזא זאך, אז א איד'ס שטוב זאל באטראפן ווערן פון א בליץ.

דאן האט אים די רבי מסביר געווען, אז דאס איז ווייל יעדער איד האט א מזוזה אויף זיין טיר, וואס דאס איז א בעסערע שמירה ווי סיי וואסערע שמירה, ווייל דורך דעם איז דער גאנצער שטוב אונטער דעם השגחה פונעם בורא כל עולמים און ער היט אונז אפ פון אלעם שלעכטס.

דער גוי האט פארשטייט זיך גלייך נאכגעגעבן פארן איד, אז ער מעג ארויף לייגען מזוזות אויף זיין שטוב, און נאך געבעטן אז מען זאל אויף זיין שטוב אויך ארויף לייגן א מזוזה, ווען דער איד איז צוריק געקומען צום רבין און געזאגט, אז דער גוי זייט ער האט גערעדט צום רבין איז ער געווארן איבער געדרייט פון א רשע צו א אנדערן מענטש.

האט די רבי געזאגט פאר דעם איד, דאס וואס איך האב געטון האסטו אויך געקענט טון, **נאר אויב וואלסטו גע'דאגה'ט אויף דיין מזוזה, אזוי ווי די דאגה'סט אויף פרנסה וואלסטו דאס אויך געקענט ערלעדיגן**.

• • •

**אין שטאט מיכלשטאט האט געוואוינט א איד** רבי זאב מוהר ז"ל א גרויסע חסיד פונעם הייליגען צדיק דער בעל שם ממיכלשטאט זי"ע, איין טאג קומט דער חסיד אריין צום רבין, און איז זיך מזכיר אז מען האט אים אנגעטראגן א גאר גוטע שידוך פאר זיין טאכטער, אבער דער מחותן פאדערט אז מען זאל געבן **פאר נדן 400 רענדליך**, וואס דאס איז גאר א גרויסע סכום, און איך זעה נישט פון ווי איך וועל האבן דעם סכום.

זאגט אים דער צדיק, וואס איז די שאלה, אזא גוטע שידוך טאר מען נישט ארויס לאזן פון די הענט, גיי די שליס דעם שידוך, און איך נעם אויף מיר צו ברענגען די 400 רענדליך, דער איד דער חסיד האט נישט געטראכט קיין צוויי נאר גלייך געלאפן שליסן שידוך.

אין די מדינה האט מען יענע צייט געברויכט האבן א ספעציעלע ערלויבעניש פון די ממשלה צו קענען חתונה האבן, און דאס פלעגט גיין מיט א מוראדיגע שוועריקייט, עס האט געקענט נעמען יארן ביז מען האט דאס באקומען.

דער איד דער חסיד האט אנגעהויבן ארבעטן אויף דעם ערלויבעניש, און דער הייליגער צדיק האט פראבירט צו צוזאמען שטעלן דאס געלט וואס ער האט זיך אונטער גענומען צו ברענגען.

לפלא איז פאר דעם איד דער חסיד געלונגען צו באקומען דעם ערלויבעניש גאר שנעל, און דאן האט ער באשטימט די חתונה פאר דריי וואכן שפעטער, ווען ער איז געקומען מבשר זיין דעם בשורה פארן צדיק, האט דער צדיק געזאגט פארן חסיד, נישט געזארגט, איך וועל אי"ה האבן דעם גאנצן סכום וואס איך האב צו געזאגט, אבער דער צדיק האט געזען ווי דער חסיד ספוק'ט אויב די רבי וועט טאקע האבן דאס גאנצע געלט.

יענע צייט איז געווען א גרויסער עושר וואס האט געטון גרויסע מסחר, אבער ליידער איז ער אריין געפאלן אין א סכנה, האט דער סוחר צו געזאגט בשעת מעשה, אז אויב ער וועט גערעטעוועט ווערן פון די סכנה, וועט ער געבן האלב פון זיין פארמעגן אויף צדקה.

דער איד דער עושר איז טאקע גערעטעוועט מיט ניסים פון דעם סכנה, אבער ווען ער איז אהיים געקומען האט ער זיך איבער גערעכנט, אז האלב פון זיין פארמעגן איז גאר א גרויסע סכום, און ער האט אפ געמאכט אז א פערטל פון זיין פארמעגן

איז אויך א גרויסע סכום, און ער האט דעם פערטל פון זיין פארדינסט געגעבן פאר צדקה.

אבער נישט לאנג נאכדעם איז די ווייב פון דעם עושר זייער קראנק געווארן, די דאקטורים האבן אויף געגעבן און נישט געוויסט וואס מען קען טון צו ראטעווען די פרוי'ס לעבן, דער איד דער עושר איז געקומען צום הייליגען צדיק דעם בעל שם ממיכלשטאט זי"ע, און זיך מזכיר געווען אז די רבי זאל אויספויעלען א רפואה פאר זיין ווייב.

דער צדיק האט דעם איד אויסגעפרעגט וואס דא איז פארגעאנגען, ביז דער איד האט דערציילט זיין צוזאג, אז ער וועט געבן האלב פון זיין פארמעגן אויף צדקה, אבער ער האט זיך בארעכנט אז א פערטל איז אויך גענוג צו געבן, האט אים דער צדיק געזאגט, דאס איז נישט קיין שפיל, אפילו איך קען דיר אויך נישט העלפן ברענגען א רפואה פאר דיין ווייב, נאר דאס איינציגסטע זאך וואס די קענסט טון איז געבן דעם איבעריגע סכום פאר צדקה און מיטן באשעפער'ס הילף וועט דיין ווייב געזונט ווערן.

דער איד האט מסכים געווען און געזאגט פארן רבין, אז ער וועט געבן פארן רבין דעם סכום, און ווען מען האט אויס גערעכנט דעם סכום איז דאס אויס געקומען **פונקט 400 רענדליך**, די רבי האט גענומען די געלט און דאס גלייך אהין געגעבן פאר ר' זאב ער זאל דאס ניצן פארן נדן, און בשעה טובה ומוצלחת גיין אונטער די חופה מיטן טאכטער, און טאקע נישט אסאך נאכדעם איז אנגעקומען די בשורה אז די ווייב פון דעם עושר איז געזונט געווארן.

דאן האט דער צדיק מסביר געווען פאר זיין חסיד, ביידע זאכן האבן מיטן גרויסן באשעפער, ווייל ווען דער עושר האט מיר דערציילט אז זיין ווייב איז קראנק, האב איך זיך דערמאנט וואס די גמרא זאגט, "**בעוון נדרים מתה אשתו של אדם**", און דערפאר האב איך גלייך געבעטן דעם עושר אז ער זאל מקיים זיין די נדר וואס ער האט געמאכט, און דורך דעם וועט די ווייב געזונט ווערן, און די ר' זאב ווען די האסט ווען באמת אמונה אונעם באשעפער אז ער וועט דיר שיקן דאס גאנצע געלט, וואלט דאס אנגעקומען אסאך גרינגער, נאר מיט דיין כסדר טראכטן פון ווי די געלט וועט קומען האסטו צו געלייגט שוועריקייטן.

• • •

**אין ספר מעשה נסים ווערט דערציילט**, אז איינמאל אינמיטן א פראסטיגן ווינטערדיגן טאג אין שטאט מיכלשטאט, איז דער הייליגער בעל שם ממיכלשטאט זי"ע געזעסן אין זיין צימער און געלערנט, **פלוצלונג שפרינגט ער אויף פון פלאץ מיט אן פחד, און גייט צו צום אויוון, נעמט ארויס זיינע שטיוול, און שטעלט זיי אוועק פארקערט, די לינקע שיך צו רעכטס און די רעכטע שיך צו לינקס, און האט אנגעהויבן פארגיסן טרערן מיט גרויס כוונה**, די בני בית האבן זיך געוואונדערט אויף דעם מאדנעם אויפפירונג אבער האבן נישט געוואגט צו פרעגן.

עטליכע וואכן שפעטער איז אנגעקומען א אידישער סוחר קיין מיכלשטאט און געלאפן גלייך צום בעל שם זיך באדאנקען, און דער סוחר האט דערציילט, אז פונקט אין יענעם טאג און שעה איז ער געפארן מיט א וואגן איבער'ן פארפרוירענעם טייך, **אינמיטן וועג האט דער אייז אנגעהויבן קראכן אונטער די רעדער און די פערד זענען געווארן צעווילדעוועט פונעם גליטש, די וואגן-רעדער האבן זיך איבערגעדרייט אין א געפערליכן דריי, און אין די לעצטע רגע האט זיך דער וואגן אויסגעדרייט אויף דער אנדערער זייט און ארויפגעשפרינגען צוריק אויפ'ן פעסטן באדן אן דעם וואס ער זאל אריינפאלן אין די אייז-קאלטע וואסערן**.

• • •

**אינעם קונטרס תולדות מהרז"ל מווארמס ווערט דערציילט**, אז א פארשוין האט זיך אמאל אריין גע'גנב'עט אין שטוב פונעם הייליגען בעל שם ממיכלשטאט זי"ע שפעט ביינאכט, ווען יעדער איז געשלאפן, דער גנב האט געזוכט חפצים און געפאקט אין א זאק זילבערווארג און מלבושים, ווען ער האט געענדיגט און געוואלט ארויסגיין דורכ'ן טיר, **האט ער זיך פלוצלונג פארלוירן און ער האט געזען בלויז גלאטע ווענט ארום זיך, און האט נישט געקענט געפונען קיין שום עפענונג אדער טיר צו אנטלויפן**.

א גאנצע נאכט איז ער ארומגעלאפן אין צימער ביז די כוחות זענען אים אויסגעגאנגען,

אינדערפרי קומט דער הייליגער בעל שם אריין אין צימער, זעט דעם גנב שטיין מיד און דערשראקן מיט'ן פעקל אויפ'ן רוקן, האט אים דער בעל שם אנגעקוקט מיט א שמייכל און געזאגט, "**דו האסט געזוכט א וועג אריין אבער פארגעסן צו נעמען א וועג ארויס, לייג אראפ די זאכן, עס עפעס צו דערפרישן דאס הארץ, און גיי לחיים ולשלום, און טו מער נישט די מעשים**", דער גנב איז דערציטערט געווארן און האט אויפן פלאץ תשובה געטאן, און איז מער קיינמאל נישט צוריקגעגאנגען צו גנב'ענען.

• • •

**אין די תולדות רבי יצחק אריה מוואראמס ווערט דערציילט**, אז איין טאג איז געקומען צו לויפן צום הייליגען בעל שם ממיכלשטאט זי"ע אן ארימער מלמד מיט בכיות, און ער האט דערציילט פארן צדיק, אז ער האט א כלה צו חתונה מאכן און ער איז שולדיג דריי הונדערט גילדן פאר'ן נדן וואס ער מוז אפגעבן ביז מארגן, און אויב נישט וועט דער מחותן מבטל זיין דעם שידוך מיט גרויס שאנדע.

דער הייליגער בעל שם האט אים געזאגט, "**גיי שפאציר אויפ'ן הויפט וועג וואס פירט ארויס פונעם שטעטל, און דער ערשטער גוי וואס פארט דארט מיט א קארעטע, שטעל אים אפ און זאג אים, אז רבי זעקל הייסט ער זאל דיר געבן דריי הונדערט גילדן**", דער איד האט געציטערט פון פחד, אבער ער האט מיט זיין גרויס אמונת צדיקים געפאלגט דעם צדיק, ער האט זיך געשטעלט אויפ'ן וועג, און פלוצלונג באווייזט זיך א גלאנציגע קארעטע פונעם לאקאלן פריץ, דער איד האט מיט שוואכע טריט אפגעשטעלט די פערד און געזאגט מיט א ציטערדיג קול, "**דער רבי זעקל הייסט דער הערר זאל מיר געבן דריי הונדערט גילדן פאר א כלה**".

לפלא האט דער גראף נישט געפרעגט קיין איין קשיא, **ער האט גלייך ארויסגענומען א בייטל מיט גאלדענע מטבעות, אפגעציילט פינקטליך דריי הונדערט גילדן, און עס אריינגעלייגט אין דעם איד'ס האנט**, שפעטער האט דער גראף פארציילט, אז עטליכע חדשים פריער האט ער געהאט א גאר שווערע פראבלעם מיט די מלוכה-רעגירונג וואס האט אים געקענט קאסטן זיין גאנצן פארמעגן, און דער בעל שם האט אים געראטעוועט מיט א ברכה און אן עצה, און האט אים דעמאלט געזאגט, "**איך נעם יעצט גארנישט פון דיר, אבער ווען איך וועל שיקן נאכ'ן חוב, זאלסטו עס באצאלן**".

• • •

**אין ספר מנהגי חתם סופר ווערט געברענגט**, אז עס ווערט דערציילט אין די מסורה פון תלמידי החתם סופר, אז איינמאל איז געקומען צום הייליגען חתם סופר זי"ע א מענטש, וואס זיין קינד איז געווען שטארק קראנק און קיין איין דאקטער האט נישט געהאט קיין רפואה פאר אים, האט אים דער הייליגער חתם סופר געזאגט, "**פאר קיין מיכלשטאט צום הייליגן בעל שם, ער וועט דיר געבן א קמיע פאר רפואה**".

דער פאטער איז געפארן, און דער בעל שם האט טאקע אנגעשריבן א הייליג קמיע, עס איינגעוויקלט אין לעדער, **און געווארנט מען זאל עס בשום אופן נישט עפענען**, דער איד איז צוריקגעקומען קיין פרעשבורג, און דאס קינד איז פלאי פלאים אויסגעהיילט געווארן, ווען דער איד איז געקומען לאזן גרוסן פאר'ן חתם סופר, האט דער חתם סופר אים געבעטן צו זען דעם קמיע, דער חתם סופר האט אנגערירט דעם קמיע מיט גרויס דרך ארץ און געזאגט פאר די ארומיגע, "**איך האב הנאה געהאט צו זען ווי א איד אין דייטשלאנד פארמאגט אזא קדושה וטהרה, אז מן השמים הערט מען צו צו זיינע תפילות און קמיעות כאילו ער וואלט געווען פון די פריערדיגע גאונים הראשונים**".

• • •

**אין ספר מעשה נסים ווערט דערציילט**, אז א גרויסער סוחר אין מיכלשטאט האט פארמאגט א טייערע אנטיק גאלדענע זייגער-קייט, און איין טאג איז עס פלוצלונג פארשוואונדן געווארן פון זיין שופלאד, דער סוחר האט חושד געווען איינע פון זיינע דריי באדינער, אבער קיינער האט נישט געוואלט מודה זיין, דער סוחר איז געלאפן צום בעל שם ממיכלשטאט זי"ע, און געבעטן הילף צו ראטעווען זיין פארמעגן.

דער הייליגער בעל שם האט געהייסן ברענגען אלע דריי באדינער צו אים אין שטוב, ווען זיי זענען אריינגעקומען, האט ער פאר יעדן איינעם געגעבן א קליין שטיקל האלץ פון די זעלבע לענג, און געזאגט מיט אן ערנסט קול, "**נעמט די שטעקעלעך אהיים אויף דער נאכט, ביים גנב וועט דער שטעקן איבערנאכט וואקסן לענגער מיט א גאנצן אינטש**

**דורך א סגולה, און מארגן אינדערפרי וועל איך זיי איבערמעסטן**".

דער בעל שם האט מיט זיין גרויס חכמה פארשטאנען דעם תחינת הנפש פונעם גנב, און דער באדינער וואס האט טאקע געגנב'עט איז אהיימגעלאפן דערשראקן, און פון גרויס פחד אז זיין שטעקן וועט וואקסן און אים פארראטן, האט ער גענומען א מעסער און אפגעשניטן א צאל פונעם האלץ, קלערנדיג אז מארגן וועט עס וואקסן און צוריקקומען צו דער ריכטיגער מאס.

אינדערפרי זענען אלע דריי געקומען צום בעל שם, און דער בעל שם האט געמאסטן די שטעקעלעך און גלייך געזען, אז איינס איז פונקט מיט א אינטש קירצער פון די אנדערע צוויי, ער האט אים אנגעוויזן מיט'ן פינגער און געזאגט, "**דו ביסט דער גנב! גיב שוין צוריק דעם חפץ**", דער באדינער איז געפאלן אויף די קני און גלייך מודה געווען און די גניבה.

• • •

**אין ספר זכרון למשה ווערט געברענגט**, אז צוויי ברודער זענען אמאל געקומען צו גיין צום הייליגען בעל שם ממיכלשטאט זי"ע מיט א שווערן מחלוקה איבער דער ירושה פון זייער פאטער וואס איז נפטר געווארן, **דער עלטערער ברודער האט ארויסגעצויגן א שטר-צוואה, געחתמ'עט לויט אלע דינים, וואו עס שטייט קלאר, אז דער פאטער לאזט איבער דעם גאנצן הויף און די געשעפטן בלויז פאר אים**, און פאר'ן יונגערן ברודער לאזט ער איבער בלויז א קליינע סכום געלט, דער יונגערער ברודער האט געוויינט אז דאס איז א פאלשע צוואה, **ווייל דער טאטע האט אים שטענדיג געזאגט אז מען וועט טיילן גלייך אויף גלייך**.

דער הייליגער בעל שם האט גענומען דעם שטר, אים אנגעקוקט פון דער נאנט, און באמערקט אז דער כתב און די חתימות זעען אויס אלט און אפגעבליקעוועט פונקט ווי א שטר וואס ליגט שוין יארן, און קיין שום בית דין האט נישט געקענט זען דערין קיין שום פעלער, **דער הייליגער בעל שם האט מיט זיין גרויס חכמה גענומען א גלאז הייס וואסער, עס געהאלטן אונטער'ן שטר אז דער דאמף (steam) זאל ארויפגיין אויפ'ן פאפיר**.

פלוצלונג האט אנגעהויבן גיין א **שוואכער ריח פון ציטרין-זאפט און שוועבל**, דער בעל שם האט זיך אנגערופן צום עלטערן ברודער, "**דו האסט גענומען אן אלטן ליידיגן שטר וואס האט געהאט א פרישע חתימה פון דיין פאטער, געשריבן דערויף מיט פרישן טינט, און עס געהאלטן איבער שוועבל-רויך כדי עס זאל אויסזען אלט און געל**", דער עלטערער ברודער איז געווארן בלאס ווי קאלך, דערשראקן פון דעם וואס דער צדיק האט דורכגעזען דעם כעמישן שווינדל, און האט גלייך מודה געווען און צעריסן דעם פאלשן שטר.

• • •

**אין ספר שבחי מהרז"ל ווערט דערציילט**, אז דער הערשער פון דער געגנט, דער גראף פון ערבאך, האט זייער געשעצט די חכמה פונעם הייליגען בעל שם ממיכלשטאט זי"ע, און פלעגט אים אפט רופן צו זיצן אין געריכט ביי שווערע קאמפליצירטע דיני תורה און משפטים צווישן בירגער.

איינמאל איז פארגעקומען א משפט צווישן צוויי שותפים סוחרים, **איינער האט געטענה'ט אז ער האט איבערגעגעבן פאר זיין חבר א גרויסע סכום געלד צו קויפן סחורה אין א ווייטן וואלד, און דער חבר לייקנט אלעס און זאגט אז ער האט קיינמאל גארנישט באקומען**, עדות זענען נישט געווען, און דער נתבע האט געוואלט שווערן א שבועה צו פטור ווערן.

דער בעל שם האט געפרעגט דעם תובע, "**וואו פונקטליך האסטו אים איבערגעגעבן דאס געלט**", האט ער געענטפערט, "**אינמיטן וואלד, נעבן א גרויסן, אלטן אייכן-בוים**", האט דער בעל שם געזאגט צום תובע, "**גיי שוין צוריק צום יענעם בוים, און רוף דעם בוים ער זאל קומען עדות זאגן אין געריכט**".

דער מענטש איז געגאנגען צום וואלד, אינצווישן איז געזעסן דער בעל שם אינאיינעם מיט'ן גראף און דעם צווייטן סוחר (דעם נתבע) און געווארט, נאך א האלבע שעה האט דער בעל שם פלוצלונג א קוק געטאן אויפ'ן זייגער און געפרעגט דעם נתבע גאנץ גלייכגילטיג, "**זאג מיר, מיינסטו אז ער איז שוין אנגעקומען צום בוים**", האט דער נתבע געענטפערט שנעל אן טראכטן, "**ניין, וואס פאלט**

**אייך איין, דער אייכן-בוים שטייט טיף אין וואלד, עס נעמט א גוטע שעה און א האלב ביז מען דערגרייכט אהין צו פוס**".

האט זיך דער הייליגער בעל שם ממיכלשטאט זי"ע אויסגעדרייט צום גראף און גיזאגט, "**זעט איר, הערר גראף, ער ווייסט פונקטליך פון וועלכן בוים מען רעדט און ווי ווייט עס איז, כאטש פריער האט ער געטענה'ט אז ער איז קיינמאל נישט געווען דארט מיט אים**", דער גראף איז אנטציקט געווארן פון דער חכמה, און דער ליגנער האט תיכף מודה געווען און צוריקגעגעבן דאס גאנצע געלט.

• • •

**אין ספר תולדות אנשי מופת ווערט דערציילט**, אז אין די יונגע יארן, ווען דער הייליגער בעל שם ממיכלשטאט זי"ע האט געלערנט אין פראנקפורטביים גרויסן **גאון וקדוש רבי נתן אדלער** זי"ע, איז די שטאט פרנקפורט געווען א גרויסער האנדלס-צענטער מיט פיל פרעמדע לייט און אומצניעות'דיגע מאדעס אויף די גאסן.

כדי נישט צו פאראומרייניגן די אויגן, האט דער צדיק רבי זעקל דער בעל שם ממיכלשטאט איינגעפירט ביי זיך אן אויסערגעווענליכע קבלה, ער פלעגט אראפלאזן די היט טיף איבער די אויגן און קוקן בלויז ד' אמות פאר זיך אויף דער ערד.

תלמידים האבן דערציילט, אז אין משך פון עטליכע יאר וואס ער איז יעדן טאג געגאנגען פון זיין אכסניה צום בית המדרש, האט ער קיינמאל נישט געוואוסט וואספארא פארב אדער געשטאלט די הייזער אויפ'ן וועג האבן געהאט, ער פלעגט חזר'ן בעל פה משניות און מסכתות א גאנצן וועג, און מען האט געזען אויף זיין געזיכט **אז ער שפאצירט אין גאס ממש ווי איינער וואס גייט אין א מדבר שממה, אפגעזונדערט פון גאנצן עולם הזה.**

• • •

**אין ספר מעשה נסים ווערט דערציילט**, אז דער צדיק רבי זעקל דער הייליגער בעל שם ממיכלשטאט זי"ע האט געלעבט א גאנץ לעבן מיט אן אומבאגרייפליכן פרישות פון תאוות הגוף, רוב טעג פון יאר פלעגט ער עוסק זיין אין תעניתים משבת לשבת אדער עסן בלויז ביינאכט א שטיקל טרוקן ברויט מיט וואסער, אבער קיינער האט נישט געטארט וויסן פון זיינע סיגופים, ער האט שטענדיג געהאט א שמייכל אויפ'ן פנים כדי מען זאל מיינען אז ער עסט כסדר ווי יעדער מענטש.

איין מוצאי שבת קודש איז א תלמיד אריינגעקומען אין זיין צימער, און געזען דעם בעל שם מאכן מלוה מלכה, אויפ'ן טיש איז געלעגן בלויז א שטיקעל הארטע ברויט און א טעפל וואסער, דער רבי האט געמאכט א ברכה, געגעסן א כזית, **און פלוצלונג האט זיין געזיכט געלאכטן מיט א ג-טליכן ליכטיגקייט**, דער תלמיד האט באוואונדערט מיט שטוינונג אויף דער פשוט'ער סעודה, האט דער הייליגער בעל שם געזאגט מיט א התלהבות, "**דער רבונו של עולם ווייסט אז כמעט קיין שום טעם פון עולם הזה איז מיר קיינמאל נישט אריין אין מויל, אבער דער כזית מלוה מלכה וואס מען עסט לכבוד שבת קודש און לכבוד דוד מלכא משיחא, שפירט זיך אין מיר פונקט ווי דער מן וואס האט געהאט אלע טעמים שבעולם**".

• • •

**אינעם קונטרס קדושת מהרז"ל ווערט דערציילט**, אז דאס געוואלדיגע דביקות אין עניני טהרה פונעם הייליגען בעל שם ממיכלשטאט זי"ע איז געווען א שם דבר, אפילו אין די טיפע ווינטער-טעג ווען דער שניי איז געלעגן הויך און די טייכן ארום מיכלשטאט זענען געווען אינגאנצן פארפרוירן, האט ער נישט מוותר געווען אויף קיין איין טאג צו גיין אין מקוה פאר'ן דאווענען.

ווערט דערציילט, אז ער פלעגט אליין גיין פרי פארטאגס מיט א האק, צוברעכן דעם דיקן אייז פונעם לאקאלן טייך, און זיך טובל'ן עטליכע מאל מיט געוואלדיגע כוונות און יחודים, אמאל האט א שכן אים באמערקט קומען צוריק פון טייך, ווען די פאות און די בארד זענען געווען פארוואנדלט אין איין שטיק אייז, אבער זיין פנים האט געברענט ווי א פייער, ווען דער שכן האט אים געפרעגט צי עס איז אים נישט קאלט, האט ער געענטפערט, "**ווען דאס הארץ ברענט צו דערנענטערן די שכינה הקדושה, קען קיין שום אייז אין דער וועלט נישט אפקילן די ווארימקייט**".

• • •

**אין ספר זכרון למשה ווערט דערציילט**, אז ווען דער הייליגער בעל שם ממיכלשטאט זי"ע איז נסתלק געווארן אין יאר תר"ח, האבן זיך פארזאמלט די חשוב'סטע חברי החברה קדישא

פון מיכלשטאט צו באהאנדלען זיין הייליגן גוף, פאר זיין פטירה האט ער זיי אנגעזאגט א געוואלדיגע צוואה, **אז בשעת דער טהרה טאר קיין איין מענטש נישט קוקן אויף זיין לייב, נאר מען זאל אלעס טון באדעקטערהייט מיט א ליילעך, און יעדער וואס שטייט אין צימער מוז פריער גיין אין מקוה און טאן תשובה**.

ווען די חברה קדישא האבן אנגעהויבן די טהרה מיט גרויס ציטער, איז געשען אן אפענער נס, **בשעת זיי האבן געגאסן די טהרה-וואסער, האט זיך דער גוף פונעם בעל שם אויפגעהויבן פון זיך אליין אויפ'ן לוח טהרה כדי מען זאל קענען גיסן די וואסער אונטער אים, אן דעם וואס מענטשליכע הענט זאלן דארפן צורירן צו זיין גוף טהור**, די אנוועזענדע זענען אומגעפאלן פון פחד און שרעק, און האבן פארשטאנען, אז אפילו נאך דער פטירה איז זיין קדושת הגוף געבליבן גאנץ, **ווי א מלאך השם צבקות וואס האט קיינמאל נישט געהאט קיין שייכות מיט די גשמיות פונעם ערדישן לעבן**.

• • •

**אינעם ספר מעשה נסים ווערט דערציילט**, אז איין פרייטאג צונאכטס נאך דער סעודה, האט דער הייליגער בעל שם ממיכלשטאט זי"ע פלוצלונג געזאגט פאר זיין משמש, "**לויף שנעל ארויף אויפ'ן בוידעם, צינד דארט אן א לעמפל, און לאז עס ברענען א גאנצע נאכט**", דער משמש האט זיך שטארק דערשראקן, **וואס הייסט אנצינדן פייער אום שבת איז דאך א הארבע עבירה**, ער איז געבליבן שטיין אומבאוועגלעך.

דער צדיק האט אים אבער אנגעקוקט מיט א הייליגן ערנסטקייט און געזאגט, "**האב נישט קיין מורא, גיי ארויף מיט א גוי, און זאל דער גוי צינדן דעם לאמפ, ווייל עס איז פיקוח נפש פאר'ן גאנצן שטעטל**", דער משמש האט שנעל געפאלגט, אינמיטן יענע נאכט האט פלוצלונג אויסגעבראכן א גרויסע שריפה ביים עק פון שטעטל מיכלשטאט, די ווינטן האבן געבלאזן שטארק און די פלאמען האבן זיך געצויגן גלייך אין ריכטונג פון די אידישע הייזער.

ווען די גוים וואס זענען געקומען אויסלעשן דעם פייער זענען געלאפן ראטעווען דעם שטאט, האבן זיי געזען פונדערווייטנס א ליכטיגקייט שיינען פון דעם בוידעם פונעם בעל שם'ס הויז, זיי האבן געמיינט אז דארט ברענט שוין אויך, און זענען אלע געלאפן אהין, און דורך דעם וואס זיי זענען אנגעקומען צו יענעם הויף, האבן זיי באוויזן צו שטעלן א וואנט פון וואסער פונקט אויפ'ן וועג וואו דער ווינט האט געטריבן דאס פייער, און די גאנצע שטאט איז געראטעוועט געווארן פון א שרעקליכן חורבן, **דאן האט דער משמש געזעהן די הייליגע אויגן פונעם צדיק, אז דער צדיק האט געזעהן אז עס גייט אויסברעכן א פייער, און האט מיט זיין רוח הקודש געראטעוועט דעם שטאט**.

• • •

**אינעם ספר זכרון למשה ווערט דערציילט**, אז א איד פון א דערנעבעדיגע שטעטל האט געהאט א זון **וואס איז געבוירן געווארן שטום ל"ע** און האט קיינמאל נישט ארויסגעברענגט קיין ווארט פון מויל, די עלטערן האבן אויסגעגעבן גרויסע געלטער אויף דאקטוירים אין וויען און אין פראנקפורט, אבער קיינער האט נישט געקענט העלפן דעם בחור, אין גרויס יאוש איז דער פאטער געקומען מיטן זון קיין מיכלשטאט און זיך צעוויינט פאר'ן צדיק.

דער הייליגער בעל שם ממיכלשטאט זי"ע האט געזאגט פאר דעם צובראכענעם טאטן, "**בלייב דא אויף שבת**", שבת אינדערפרי ביים דאווענען, פאר קריאת התורה, האט דער הייליגער בעל שם געהייסן דעם משמש אויסרופן דעם שטומען בחור צו דער תורה פאר אן עליה, דער פאטער איז געווארן ציטערדיג און האט געזאגט מיט שוואכקייט, "**רבי, ער קען דאך נישט רעדן, ווי אזוי וועט ער מאכן די ברכה**", האט דער הייליגער בעל שם אים געענטפערט מיט א פעסטקייט, "**ברענג אים צום באלעמער**".

דער בחור איז צוגעגאנגען, און דער הייליגער בעל שם האט געלייגט זיין הייליגע האנט אויף זיין פלייצע, ארייננגעקוקט אין זיינע אויגן, און געזאגט, "**זאג, ברכו את ד' המבורך**", פלוצלונג, צום ציטער און ערשטוינונג פון דעם גאנצן מנין אידן אין שול, האט דער בחור געעפנט זיין מויל און אויסגערופן מיט א הויכן, קלארן קול, "**בָּרְכוּ אֶת ד' הַמְבֹרָךְ**", און פון יענעם טאג אן האט ער גערעדט פליסיג ווי אלע מענטשן, און ער איז שפעטער אויסגעוואקסן א תלמיד חכם און א בעל תפילה.

• • •

**אינעם ספר שבחי מהרז"ל ווערט דערציילט**, אז א פארצווייפלטער **אפטייקער** (**פארמעסיסט**) איז געקומען צום הייליגען בעל שם ממיכלשטאט זי"ע אין גרויס שרעק, ווייל דער לאקאלער מיניסטעריום פון געזונטהייט האט געמאלדן, אז מארגן קומט א שטרענגע אינספעקציע איבערצוקוקן זיינע ביכער, **און פונקט יענע וואך איז אים פארלוירן געגאנגען דער הויפט-ביכל וואו עס זענען געווען פארשריבן אלע גיפטיגע כעמיקאלן און מעדיצינען**, און לויט'ן געזעץ, אויב דאס פעלט, וואלט מען אים פארשפארט דאס געשעפט און אריינגעווארפן אין תפיסה אויף יארן, דער אפטייקער האט שוין געהאט איבערגעדרייט דאס גאנצע הויז און גארנישט געפונען.

דער הייליגער בעל שם האט פארמאכט די אויגן פאר עטליכע מינוט, און דערנאך געזאגט גאנץ רואיג, "**גיי צוריק אין דיין אפטייק, גיי אריין אינעם קעלער אונטער דעם געוועלב, צייל פיר טריט פון דער רעכטער וואנט, דארט שטייט אן אלטעליידיגע פאס פון שוועבל, שטעק אריין דיין האנט אונטער דעם באדן פון יענער פאס, דארט ליגט דער ביכל**", דער אפטייקער איז געלאפן צו זיך אין געשעפט, אריינגעלאפן אין קעלער, געטון פינקטליך ווי דער רבי האט אנגעוויזן, און צום שטוינונג האט ער דארט אונטער דער פאס געטראפן דעם ביכל, וואס איינע פון זיינע ארבעטער האט בטעות דארט פארשטעקט און פארגעסן, די רעגירונג האט דורכגעפירט די אינספעקציע, און אלעס איז געווען כשורה, און דער איד איז געראטעוועט געווארן פון א זיכערן אונטערגאנג.

• • •

**אינעם ספר מעשה נסים ווערט דערציילט**, אז אין שטעטל איז געווען א משכיל און אפיקורס וואס האט נישט געקענט צוקוקן ווי אידן און גוים שטראמען צום הייליגען בעל שם ממיכלשטאט זי"ע נאך ישועות, ער פלעגט כסדר חוזק מאכן פונעם צדיק ברבים, און כסדר שרייבן קלאגעס און בלבולים צו דער רעגירונג אז דער בעל שם נארט אויס די מענטשן מיט כישוף.

איין טאג איז דער אפיקורס געשטאנען פאר'ן בעל שם'ס הויז און אנגעהויבן שרייען זידלווערטער און קללות ווען דער צדיק איז ארויסגעקומען אין גאס, די תלמידים האבן געוואלט אים פארטרייבן, אבער דער הייליגער בעל שם האט זיי אפגעהאלטן, ער האט זיך אויסגעדרייט צום משכיל און געזאגט מיט גרויס פחד, "**דו האסט חוזק געמאכט פון דער תורה הקדושה און אירע הייליגע חכמים, וויסן זאלסטו, אז דיין אייגענער מויל וואס שפייט די דאזיגע ווערטער וועט דיר ברענגען דיין משפט**".

נישט קיין צוויי וואכן זענען פארביי, און יענער פארשוין האט באקומען א מאדנע, שווערע קראנקייט אויפ'ן צונג און אינעם האלדז, זיין צונג איז אזוי שטארק געשוואלן געווארן אז ער האט מער נישט געקענט ארויסברענגען קיין איין ווארט פון מויל און האט געליטן שרעקליכע יסורים, ער האט געשיקט בעטן מחילה ביים בעל שם, **און דער בעל שם האט מתפלל געווען פאר אים ער זאל נישט שטארבן מיט שרעקליכע יסורים, די יסורים האבן זיך טאקע נאכגעלאזט, אבער רעדן האט ער מער קיינמאל נישט געקענט ביז זיין לעצטן טאג, אלס א ווארענונג פאר יעדן איבער'ן כח פון צדיקים**.

**יארצייט ה' תשרי**

**הגה"ק רבי חנוך הענדיל ב"ר שלמה זלמן זי"ע, (שעכטער), שו"ב בק"ק ראדאוויץ**

ער איז געבוירן אין שטאט טשורטקוב, **בשנת תרי"א.**

צו זיין טאטן הגה"ק **רבי שלמה זלמן שו"ב טשורטקוב** זי"ע,
בן הגה"ק **רבי אברהם אהרן שו"ב טשורטקוב** זי"ע,
בן הגה"ק **רבי גבריאל יוסף** זי"ע,
בן הגה"ק **רבי ישכר דוב** זי"ע,
בן הרה"ק **רבי ישראל** זי"ע, הנקרא בפי כל "**ר' ישראל דער טויטער**",
בן הרה"ק **רבי שמחה מהורדנקא** זי"ע, (אביו של הרה"ק **רבי נחמן מברסלב** זי"ע),
בן הרה"ק **רבי נחמן מהורדנקא** זי"ע,
מגזע הגה"ק **רבי הענדיל הכהן שו"ב קיטוב** זי"ע.

און צו זיין מאמע **הצדקת מרת רייזא** ע"ה.

דער ברודער פון ר' חנוך הענדיל זי"ע איז געווען הרה"ח **ר' גבריאל יוסף** ע"ה דער משב"ק ביי הרה"ק **רבי ישראל האגער בעל אהבת ישראל מויזניץ** זי"ע.

ער איז געווען מפורסם מיט זיין גדלות וחריפות בתורה און א בקי נפלא בש"ס ופוסקים, ובפרט אין הלכות שחיטה דינענדיג אלס שוחט פאר איבער 40 יאר, צדיקים בדורו האבן זיך פארלאזט נאר אויף אים מיטן שחיטה פאר זיי אין שטוב.

אויך איז ער געווען באוויסט אלס א געוואלדיגע אוהב את הבריות, ער האט עוסק געווען בצדקה וחסד מיט א געוואלדיגע איבער געגעבענקייט, ארום אים האבן זיך כסדר געדרייט די צובראכענע אידן און יתומים און אלמנות, אלע האבן געטראפן אין דעם גדול א לב טוב וואס האט קיינעם נישט געלאזט גיין ביז יענער האט געשפירט אז ער איז באמת געהאלפן.

דעם פאסטן פון שו"ב האט ער מקבל געווען נאך פון זיין טאטע און זיידע וואס זענען אויך געווען שוחטים מומחים, גאנץ אנפאנג איז ער געווען דער שוחט אין שטאט **טשעריש** וואס איז געווען א קליין שטעטל, אבער נאך אפאר יאר ווען די הוצאות פון זיין שטוב זענען געוואקסן און ער האט געברויכט חתונה מאכן די קינדער, האט ער געזיכט א גרעסערע שטאט ווי צו דינען אלס שוחט.

יענע צייט האט דער שוחט פון דעם גרויסן שטאט **ראדאוויץ** זיך אוועק געצויגען פון שטאט, און די שטאט האט געזיכט דעם פאסיגען מענטש איבער צו נעמען דעם תפקיד אלס שוחט, האט מען בעצת פון די גדולים פון יענעם געגענט אויף גענומען דעם גאון רבי חנוך הענדיל זי"ע אלס שוחט אין שטאט ראדאוויץ, און אויף דעם פאסטן האט ער געדינט פאר בערך 30 יאר.

בזיווג ראשון האט ער חתונה געהאט מיט **הצדקת מרת העניא** ע"ה,
בת הרה"ח **רבי יהודה לייב רובין** ז"ל.

בזיווג שני האט ער חתונה געהאט מיט **הצדקת מרת חי' רבקה** ע"ה,
בת הגה"ק **רבי דוד** זי"ע.

דער צדיק האט זוכה געווען צו אויפשטעלן שיינע דורות פון ביידע זיווגים, און זיין זיווג שני האט נאך מיט געברענגט קינדער פון איר ערשטע מאן.

און דער הייליגער **אמרי חיים מוויזניץ** זי"ע האט זיך אמאל אויסגעדריקט אויפן זיידן רבי חנוך הענדיל זי"ע בזה"ל, ביי אים אין שטוב זענען געווען דריי סארט קינדער, **מיינע, דיינע, און אונזערע**, אבער אויף די קינדער האט מען דאס נישט געקענט אפילו באמערקען, **ווייל ער האט זיך אפ געגעבן מיט אלע מיט די זעלבע געטריישאפט**.

אזוי ווי זיין טאטע און די זיידע איז ער געווען גאר שטארק מקושר צו די **צדיקי בית קאסוב און ווישניץ**, גאנץ אנפאנג האט ער זיך מסתופף געווען בצלו פון הרה"ק **רבי מנחם מענדל בעל צמח צדק מווישניץ** זי"ע, וואס דער רבי מווישניץ האט גאר שטארק מקרב און מחבב געווען דעם שוחט רבי חנוך הענדיל וואס איז געווען מפורסם אלס א גאר ערליכער און אפגעהיטן איד.

בשנת תרמ"ה ווען דער הייליגער אהבת ישראל זי"ע איז נסתלק געווארן, האט ער זיך מדבק געווען אונעם ממלא מקום הרה"ק **רבי ברוך בעל אמרי ברוך מווישניץ** זי"ע, ער האט זיך ממש מבטל געווען פאר זיין רבין און זיך כסדר מסתופף געווען בצלו מיט א געוואלדיגע אמונת צדיקים.

מען דערציילט, אז דאס ערשטע מאל וואס דער גאון רבי חנוך הענדיל זי"ע איז אריין צו זיין רבין דער הייליגער **אמרי ברוך** זי"ע מיט א קוויטל, האט דער הייליגער אמרי ברוך מיט זיין געוואלדיגע עניוות געוויינט מיט טרערן און געזאגט פאר דעם גאון בזה"ל, "**ווי קען איך נעמען קוויטלעך, ווייל איינער וואס קען נישט זעהן מסוף העולם עד סוף העולם איז נישט ראוי צו נעמען קוויטלעך**".

בשנת תרנ"ג ווען דער הייליגער אמרי ברוך זי"ע איז נסתלק געווארן יונגערהייט, האט ער זיך מדבק געווען אלס א חסיד מובהק צום ממלא מקום הרה"ק **רבי ישראל בעל אהבת ישראל מווישניץ** זי"ע, ער איז כסדר געפארן זיך מסתופף זיין ביי זיין רבין און מקבל געווען דעם דרך אין עבודת השם מיט א תמימות.

לגבי זיין געוואלדיגע אמונת צדיקים ווערט דערציילט, אז ווען זיין זון **הר"ר אברהם אהרן** ז"ל איז געבוירן געווארן **אלס א סגי נהור רח"ל**, האבן די דאקטורים געזאגט, אז זיי קענען גארנישט העלפן פאר דעם קינד, ביי די דריי יאר איז דער טאטע געגאנגען צו זיין רבי דער הייליגער אמרי ברוך זי"ע און מזכיר געווען דעם קינד און געבעטן אז די רבי זאל פועל'ן א רפואה פארן קינד.

ווען ער איז אריין געקומען צום רבין האט אים די רבי מייעץ געווען אז ער זאל גיין צו הרה"ק **רבי חנוך העניך מאלעסק** זי"ע וואס איז געווען מפורסם אלס א גרויסע בעל מופת און דארט וועט ער געהאלפן ווערן.

האט זיך דער חסיד רבי חנוך הענדיל אנגערופן צום רבין, **מיינע עלטערן און זיידעס האבן זיך אלע געווייקט און מסתופף געווען בצלו פון די צדיקים לבית קאסוב און ווישניץ, און די רבי שיקט מיך צו די מרחקים קיין אלעסק**.

ווען זיין רבי דער הייליגער אמרי ברוך זי"ע האט געהערט די ווערטער פון זיין חסיד, האט די רבי געזאגט פארן חסיד, **וואס מאכסטו אזא געוואלד, מען קויפט א שטיקל וואטע פון א גוי פאר 3 גראצער און מען לייגט דאס ארויף אויף די אויגן פונעם קינד און ער וועט האבן א רפואה שלימה**.

דער ר' חנוך הענדיל מיט זיין גרויסע אמונת צדיקים איז גלייך אהיים, אפאר טאג שפעטער קומט אריין אין שטוב א גוי, און ווען ער האט געזען ווי דער קינד טאפט ארום מיט די הענט, האט ער געפרעגט פון די עלטערן וואס עס גייט פאר מיטן קינד, ווען די עלטערן האבן דערציילט פארן גוי אז דער קינד זעט ליידער נישט, האט דער גוי געזאגט וואס איז די פראבלעם, **קויפט פון מיר א שטיקל וואטע פאר 3 גראצער און לייגט דאס ארויף אויף די אויגן און ער וועט ווערן אויסגעהיילט**.

די עלטערן האבן דאס גלייך געטון, און לפלא נאך אפאר טאג האט דאס קינד אנגעהויבן זעהן כאחד אדם און אינגאנצען געזונט געווארן, ווען ער איז צוריק געקומען דערציילן פארן רבין די גוטע בשורה אז דאס קינד זעט שוין כאחד אדם, האט דער צדיק דער הייליגער אמרי ברוך זי"ע געהייסן פארן טאטן, **אז ער זאל פון דעם נישט מאכן קיין עסק און דאס נישט מפרסם זיין בכלל**.

ער האט איבער געלאזט זיינע קינדער.

בתו **הצדקת מרת מלכה טשארנא** ע"ה, אשת הרה"ח **רבי ישכר דוב ראזענבערג** ז"ל,
בתו **הצדקת מרת עטיל** ע"ה, אשת הרה"ח **רבי צבי אלימלך שרייבער** ז"ל,
הרה"ח **רבי חיים עזריאל** ז"ל,
הרה"ח **רבי אברהם אהרן** ז"ל,
הרה"ח **רבי גבריאל יוסף** ז"ל,
הרה"ח **רבי דוד** ז"ל,
בתו **הצדקת מרת מינדל** ע"ה, אשת הרה"ח **רבי לייבל שטאנגער** ז"ל.

נסתלק לגנזי מרומים **ה' תשרי בשנת תרפ"ז**, ומנוחתו כבוד איז אין ביה"ח אין שטאט **ראדאוויץ**.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

אין **רשימות תולדות אנשי שם בבוקובינה ווערט דערציילט**, אז אין שטאט ראדאוויץ איז רבי חנוך הענדיל געווען באקאנט נישט בלויז מיט זיין גרויסער בקיאות און מורא'דיגע חסידות אין הלכות שחיטה, נאר ספעציעל מיט זיין ווייכע הארץ פאר יעדע געפאלענע נשמה.

ווען ער פלעגט גיין אין די גאסן פון שטעטל, פלעגן זיך ארום אים קלויבן אלמנות, יתומים און צובראכענע הערצער, מען פארציילט, אז זיין שחיטה-געלט פלעגט כמעט נישט אנקומען אהיים, **א גרויסער טייל דערפון האט ער פארטיילט גלייך אויפן ארט פאר ארעמעלייט און נויטבאדערפטיגע**, פאר ער האט בכלל איינגעקויפט צרכי שבת פאר זיין אייגענער שטוב.

• • •

**אין זכרונות חסידי וויזשניץ ווערט דערציילט**, אז זיין שטוב אין שטאט ראדאוויץ איז געווען אן אפענער בית וועד לחכמים און אן איינקער-פלאץ פאר אלע פליטים און אורחים וואס זענען דורך געפארן בוקאווינע, עס ווערט דערציילט, אז פאר יעדן יום טוב פלעגט ער ארומגיין צווישן די בעלי בתים און גבירים אין שטאט שאפן פאר קמחא דפסחא צו שטיצען די אלמנות און ארימעלייט פון שטאט, און ער פלעגט זאגן, **"ווי קען א שוחט ברענגען כשר פלייש פאר אידן, אויב אנדערע אידן האבן נישט אויף ברויט צום לעבן"**.

• • •

**אין תולדות גדולי ישראל ווערט דערציילט**, אז דער צדיק רבי חנוך הענדיל זי"ע איז געווען א ברודער מיט הרה"ח **ר' גבריאל יוסף שעכטער** ע"ה, דער באקאנטער משמש בקודש פונעם הייליגן רבי'ן דער **'אהבת ישראל'** מוויזשניץ זי"ע, צוליב דעם איז ער געווען שטארק מקושר צום וויזשניצער הויף, און די צדיקים האבן אים געהאלטן פאר איינעם פון די שענסטע שפיגלען פון חסידות אין ראדאוויץ, תורה, יראת שמים און אמת'ע עסקנות בגופו ובממונו פונדערווייטנס אן קיין שום פניות.

• • •

**אין קונטרס זכרון לראשונים בוקאווינע ווערט דערציילט**, אז בעפאר דער צדיק רבי חנוך הענדיל האט צוגעטראטן צו די כלי שחיטה, **פלעגט ער זיך גרייטן ווי א כהן צום עבודה אין בית המקדש**, נאך חצות לילה איז ער שוין געווען אויף די פיס, **זיך גע'טובל'ט אין מקוה טהרה מיט כוונות און יחודים, און אפגעראכטן תיקון חצות מיט בכיות עצומות**.

ער פלעגט זאגן, אז **א שוחט האלט אין זיין האנט די נפש פונעם בעל חי, און מען קען נישט מעלה זיין די ניצוצות הקדושים אן א ריינעם גוף און א הייליגער מחשבה**, אפילו אין די ביטערע קאלטע ווינטער נעכט אין ראדאוויץ, ווען דאס וואסער אינעם בור איז געווען פארפרוירן, האט ער קיינמאל נישט מוותר געווען אויף א טבילת עזרא בעפאר ער האט גענומען די חלפים אין האנט.

• • •

**אינעם קונטרס תולדות אנשי חסד וחסידות ברומניה ווערט דערציילט**, אז שעות לאנג פלעגט דער צדיק רבי חנוך הענדיל זי"ע זיצן ביי זיין שטענדער און בודק זיין די חלפים מיט א שרעקליכן פחד און חרדה, עדות פלעגן דערציילן אז ער האט געפילט מיט זיין ציטערדיגן נאגעל יעדע קלענסטע פגימה וואס אנדערע האבן נישט באמערקט, און אפילו אויב עס איז געווען כשר ע"פ דין, **אויב האט ער געשפירט די מינדעסטע ספיק-ספיקא פון א 'סרך' אדער אומקלארקייט**, האט ער עס פונדאסניי געשליפן, ער פלעגט שטענדיג חזר'ן דעם מאמר חז"ל, **"אז א שוחט דארף שטענדיג זען ווי א שווערד ליגט אים צווישן די אויגן"**.

• • •

**די מלאכה פון א שוחט ברענגט א מענטש אריין** אין די גאסן און צווישן די גרעסטע המון עם, אין די בוטשער-געשעפטן און בהמות-מארק צווישן גוים און סוחרים, דאך, ווער עס האט געזען רבי חנוך הענדיל גיין אין גאס, האט געזען אן אמת'ער פרוש, ער פלעגט גיין איינגעבויגן, זיין קאפעלוש אראפגערוקט איבער די אויגן, און זיינע ליפן האבן כסדר געמורמלט פרקי תהלים אדער משניות בעל פה, קיינער האט אים נישט געקענט אריינציען אין קיין שום פוסטע שמועסן אדער דברים בטלים, זיין מח איז געווען דבוק אין עולמות עליונים אפילו אינמיטן די שווערסטע גשמיות'דיגע ארבעט.

• • •

**אין קונטרס עובדות וזכרונות מפי זקני ראדאוויץ ווערט דערציילט**, אז אין שטאט ראדאוויץ איז געווען א דבר פשוט אז מען קען ביי אים נישט הערן קיין שמץ פון לשון הרע אדער

ליצנות, ער פלעגט זאגן מיט זיין טיפן חסידישן תמימות, "**דער רבוש"ע גיבט מיר די זכיה צו מאכן ברכות אויף שחיטות און בודק זיין דאס עסן פאר כלל ישראל, ווי אזוי קען דער זעלבער מויל ארויסברענגען א ווארט וואס איז נישט ריין**", גדולי הדור וואס זענען דורך געפארן בוקאווינע האבן מעיד געווען, אז זיין גאנצע צורה האט געשיינט מיט א מורא'דיגן פארנעם פון קדושה און פרישות, ווי איינער פון די אנשי מעשה פונעם פריערדיגן דור.

• • •

**טראץ דעם וואס דער צדיק רבי חנוך הענדיל** איז געווען פון די חשוב'סטע כלי קודש אין שטאט, ווען יעדער האט געשעצט אלס תלמיד חכם וירא אלקים, האט ער קיינמאל נישט געוואלט נעמען קיין שום פלאץ פון כבוד, אין בית המדרש אין ראדאוויץ פלעגט ער שטענדיג זיצן ביים מערב-וואנט, אונטער דעם אויוון אדער נעבן דער טיר, אויף א פשוט'ער הילצערנער באנק צווישן די פשוט'ע בעלי מלאכות.

ווען די גבאים האבן אים פרובירט אנצוברענגען פאראויס צו די ערשטע בענק נעבן ארון הקודש, פלעגט ער זיך שטענדיג ארויסדרייען מיט א שמייכל און זאגן, "**דא נעבן טיר קען איך בעסער אריינקוקן אין מיין אייגענער נישטיגקייט פארן בורא עולם**".

• • •

**עס איז באקאנט געווען**, אז ווען מען פלעגט אים מכבד זיין מיט אן עליה אדער עמוד, פלעגט ער זיך ממש איינבייגן פון גרויס בושה, ער האט נישט געלאזט מען זאל אים רופן מיט קיין שום תוארים, און אין אלע זיינע אונטערשריפטן אדער שטוב-רשימות האט ער זיך געחתמ'עט בלויז, "**הקטן חנוך הענדיל**", ווען אידן פלעגן קומען צו אים זיך דורכשמועסן אדער בעטן א ברכה פאר ישועה ורפואה, פלעגט ער ציטערן און זאגן, "**וואס קומט איר צו מיר, איך בין סך הכל א פשוט'ער שוחט וואס דארף רחמי שמים ער זאל נישט שטרויכלען, גייט צו די עכטע צדיקים וואס זענען הייליג און ריין**".

• • •

**ער האט נישט געהאלטן פון קיין שום 'באדינונג'** אדער אז אנדערע זאלן אים ארויסהעלפן מיט זיינע שווערע טעגליכע ארבעט כדי צו ווייזן חשיבות, מערערע מאל פלעגט ער אליין שלעפן די שווערע כלי שחיטה און די סחורה דורך די בלאטיגע גאסן פון ראדאוויץ, פונקט ווי א פשוט'ער ארבעטער, ווען מענטשן פלעגן צולויפן און בעטן צו טראגן זיינע זעק אדער חלפים אלס כבוד התורה, האט ער אפגעזאגט מיט איידלקייט, "**יעדער מענטש דארף טראגן זיין אייגענעם יאך אויף דער וועלט, פארוואס זאל איך מאכן אנדערע שוויצן פאר מיינעט וועגן**".

• • •

**ווען עס פלעגט זיך מאכן א שאלה אויף א בהמה** און ער האט געמוזט פסק'ענען טרפה, וואס האט אפט געמיינט א גרויסער געלט-שאדן פאר די פלייש-הענדלער, פלעגן די קצבים אמאל קומען מיט טענות און מיט כעס און ביטערניש.

אנשטאט זיך אויפפירן מיט תקיפות און דעות פון א מורה הוראה, פלעגט ער זיך שטעלן פאר זיי מיט א צובראכן הארץ, זיך פארענטפערן מיט גרויס הכנעה און זיי בפירוש איבערבעטן און געזאגט, "**איך פארשטיי אייער ווייטאג, חלילה מיינט עס נישט איך, נאר די הייליגע תורה לאזט מיר נישט ארײַנלאזן קיין ספק נבילה אין א אידיש מויל**", אסאך מאל האט ער אפילו בייגעשטייערט פון זיין אייגענער קעשענע צו לינדערן דעם היזק פונעם בוטשער, אלעס כדי צו פארמיידן א מחלוקת אדער פגיעה אין א צווייטן.

**יארצייט ו' תשרי**

**הרה"ק רבי יהודה ארי' לייב ב"ר ברוך זי"ע**
**הסבא קדישא משפאלע**
**"הנקרא דער הייליגער שפאלער זיידע"**

ער איז געבוירן אין שטאט שפאלי וואס איז נאנט צום שטאט אומאן, **כ"ה כסלו א' דחנוכה בשנת תפ"ה**.

צו זיין טאטע הרה"ק **רבי ברוך גרונדי** זי"ע, וואס איז געווען פון די גזע פון הגה"ק **רבינו מהר"ל מפראג** זי"ע.

און צו זיין מאמע **הצדקת מרת רחל** ע"ה.

ער איז געווען א איש קדוש ונורא מאוד, ער איז געווען א צדיק נסתר און א בעל מקובל גדול ונורא מאוד, און אלע זיינע מעשים זענען געווען נאר לשם שמים, דער צדיק האט זיין גאנץ לעבן אייביג פראבירט צו באהאלטן זיין גרויסע עבודת השם, ער האט זיין גאנץ לעבן עוסק געווען צו מקרב זיין אידישע נשמות וואס זענען ליידער פארקראכען פון אידישע וועג, און ער האט די אלע אידן אריין געברענגט תחת כנפי השכינה, הונדערטער אידן זענען געקומען זיך מסתופף זיין בצלו פון דעם צדיק וקדוש, ער איז געווען מפורסם אלס א בעל מופת עצום און א גרויסע פועל ישועות.

די עלטערן זענען געווען גרויסע ירא אלקים און בעלי צדקה וחסד מפורסמים, זיי האבן די שטוב געפירט מיט א געוואלדיגע ערליכקייט, ספעציעל האבן די עלטערן זיך אפגעגעבן מיט **הכנסת אורחים** אויף א גאר גרויסע פארנעם, זיי האבן די געסט אליין געברענגט דאס עסן און באדינט, און ווען די גאסט איז אוועק געגאנגען האט מען נאך צו געגעבן א שיינע נתינה.

איינמאל איז דער בעש"ט הקדוש זי"ע נאך בעפאר ער איז נתפרסם געווארן אין די וועלט, אנגעקומען צו די עלטערן אין שטוב, דער בעש"ט האט זיך אויפגעהאלטן אפאר טאג ביי זיי אין שטוב, איין נאכט ביי חצות האט דער טאטע געטראפן דעם בעש"ט זיצן אין קלאגן אויף גלות השכינה און צרות ישראל מיט בכיות, און ביי די זייט זיצט א איד א זקן מיט א גאר הייליגע צורה, ווען דער טאטע ר' ברוך האט אנגעפרעגט דעם בעש"ט ווער דער איד איז.

האט דער בעש"ט מגלה געווען פאר ר' ברוך, **אז דער זקן איז געווען דער הייליגער מהר"ל מפראג זי"ע**, וואס די טאטע האט געשטאמט פון דעם גזע, און די נשמה פונעם מהר"ל ברויך יעצט אראפ קומען אויף די וועלט צו מתקן זיין תיקונים גדולים ונוראים, און דער בעש"ט האט געבענטשט ר' ברוך, **אז דאס קינד זאל ביי אים געבוירן ווערן, און געהייסן מען זאל דעם קינד א נאמען געבן נאכן הייליגען מהר"ל מפראג זי"ע, און דער בעש"ט האט צוגעזאגט, אז ער וועט זיך משתתף זיין ביים ברית**.

דער בעש"ט האט זיך טאקע משתתף געווען ביים ברית און געווען דער סנדק, און דאן געבענטשט דעם קינד, **אז ער זאל אויסוואקסן ווי אברהם אבינו ע"ה וואס איז דאך געווען די זיידע פון כלל ישראל**, און דאס איז איינע פון די סיבות וואס עס איז מקובל, פארוואס מען האט אים גערופן מיטן נאמען "**דער שפאלער זיידע**", אויך איז מקובל, אז דער צדיק דער שפאלער זיידע זי"ע איז געווען א עניו מאוד, און ער האט נישט געלאזט מען זאל אים ריפן מיטן נאמען "**רבי**", און דערפאר פלעגט מען אים ריפן מיטן נאמען **דער שפאלער זיידע**.

ער האט געהאט א מנהג, אז יעדן טאג אינדערפרי האט ער אנגעהויבן דעם טאג מיט די תפילה, "**יהי רצון מלפניך אב הרחמים שתאציל עלי ועל כל ישראל עמך ברכות טובות ישועות ונחמות הן בצרכי הנפש והן בצרכי הגוף**".

זיין גאנצע שטרעבן איז געווען צו מכניס זיין **רשעים תחת כנפי השכינה**, ער איז גאר אסאך ארום געגאנגען פון שטעטל צו שטעטל ווי אידן זענען ליידער געווען גאר שטארק פארקראכען פון אידישע וועג, און ער האט זיי מיט זיין געוואלדיגע כח דקדושה און זיין געוואלדיגע אהבת ישראל, מקרב געווען לאביהם שבשמים.

ער האט מיט די אידן געלערנט תורה און מצוות, און זיך נישט אוועק גערירט פון דעם שטאט ביז ער האט באמת געשפירט, אז די אידן זענען אויפן ריכטיגן וועג, אין יעדן שטאט ווי ער איז אנגעקומען **האט ער געדינט אלס דער גבאי און שוחט און אויך אלס דער מלמד**, און סיי וואסערע

שטעלע עס האט זיך אויס געפעילט, נאר כדי צו מקרב זיין די אידן צום גרויסן באשעפער, אבער דער תואר רבי אדער צדיק האט ער זיך נישט געלאזט רופן, און דערפאר האט מען אים אויף יעדע פלאץ גערופן מיטן נאמען דער שפאלער זיידע.

שפעטער ווען ער איז שוין געווען באוויסט אלס א איש אלקים קדוש ונורא, און הונדערטער אידישע קינדער זענען געקומען זיך מסתופף זיין בצלו און געקומען פאר ישועות, און ער איז מפורסם געווארן אלס א פועל ישועות און א גרויסע בעל מופת, מיט דעם אלעם האט ער נישט געלאזט מען זאל אים רופן רבי, נאר ער האט געלאזט מען זאל אים ווייטער רופן מיטן נאמען דער שפאלער זיידע.

ווי באוויסט האט דער שפאלער זיידע זי"ע געהאט א גאר נאנטע קשר און חביבות מיטן צדיק הרה"ק **היהודי הקדוש מפשיסחא** זי"ע, און **דער יוד הקדוש** האט מעיד געווען אויפן כח פונעם שפאלער זיידע, **אז ער האט מיט זיין כח געקענט מאכן פון א מענטש א גל של עצמות, און זיינע ווערטער זענען מקובל בעולם העליון**.

ער איז געווען א תלמיד פון צדיקים בדורו פון די גרויסע תלמידי בעש"ט זי"ע ובתוכם.

הרה"ק **רבי יעקב יוסף בעל תולדות יעקב יוסף מפולנאה** זי"ע,
הרה"ק **רבי דוב בער המגיד ממזריטש** זי"ע,
הרה"ק **רבי שניאור זלמן בעל התניא מלאדי** זי"ע.

זיין רבו מובהק איז געווען **דער הייליגער צדיק וקדוש רבי פנחס מקאריץ** זי"ע, וואס פון דעם רבין האט ער געלערנט רוב פון זיין תורה און אויך זיין דרך החסידות און זיין דרך אין עבודת השם.

ביי די 18 יאר האט ער בעצתו פון זיין גרויסן רבין מקאריץ זי"ע חתונה געהאט מיט די טאכטער פון דעם שוחט פון שטאט **מידובקה**, און דאן האט ער פאר א פאר יאר געוואוינט אין דעם שטאט מידובקה, ווען זיין שווער איז אלט געווארן און מען האט געזיכט אין שטאט א נייעם שוחט, דאן האט דער איידעם דער שפאלער זיידע מיט זיין גרויס עניוות פון נישט וועלן דינען אלס רבי, געוואלט איבער נעמען דעם פאסטן אלס שוחט, אבער זיין הייליגע רבי ר' פנחס'ל קאריצער זי"ע האט געוויסט, אז זיין תלמיד איז דא פאר אסאך העכער'ס ווי דעם.

דאן האט אים זיין הייליגע רבי גענומען דאס ערשטע מאל צו זיין גרויסן רבין דער בעש"ט הקדוש זי"ע, כדי צו הערן זיין חוות דעת אויפן תלמיד, דארט ביים בעש"ט זענען זיי געזעצן אפאר טאג, און דאן האט דער בעש"ט געהייסן פארן הייליגען שפאלער זיידע זי"ע, **אז ער זאל גיין פאר זיבן יאר גלות ליידן, וואס ער וועט דאן מתקן זיין דברים נשגבים**.

דער הייליגער שפאלער זיידע איז דאן געווען 30 יאר אלט, ער האט זיך ארויס געלאזט גלות ליידן פאר זיבן יאר, ער איז די גאנצע צייט געגאנגען מיט פשוטע קליידער ווי א ארימאן, אבער די זיבן יאר האט דער צדיק זוכה געווען צו מקרב זיין טויזנטער נשמת ישראל צום גרויסן און הייליגער באשעפער, אויך האט ער יענע צייט עוסק געווען אין פדיון שבויים פאר אידישע קינדער וואס זענען ליידער געזעצן אין תפיסה.

מען דערציילט, אז דער הייליגער שפאלער זיידע זי"ע האט זיך אמאל אויסגעדריקט, **אז ווען ער וואלט ווען זוכה געווען צו זיין נאך איינמאל ביים בעש"ט הקדוש זי"ע, וואלט זיין עבודת הקודש אים אנגעקומען אסאך גרינגער**.

בשנת תקכ"א נאך די זיבן יאר איז דער צדיק אנגעקומען אין שטאט **זלאטיפולא**, דארט האט געגומען א גאר פשוטע פאסטן **אלס שמש פון דעם ביהכ"נ**, אבער די אידן פון שטאט האבן גאר שנעל איינגעזען די גדלות און קדושה מיט וואס דער נייער גאסט פירט זיך, און גאר אינגיכן האבן הונדערטער אידן אנגעהויבן זיך מסתופף זיין בצלו פון דעם צדיק וקדוש, אויך איז ער דאן שוין נתפרסם געווארן מיט זיינע גרויסע מופתים און אלס פועל ישועות, דארט אין שטאט זלאטיפולא איז דער צדיק געזעצן פאר 8 יאר.

בשנת תקכ"ט איז דער צדיק אריבער צום שטאט **שפאלא** און דער צדיק האט נישט געוואלט נעמען קיין רבנות, אבער טויזנטער אידן זענען געקומען מיט האלטן זיין עבודת הקודש, אויך זענען הונדערטער אידן און אויך להבדיל גוים געקומען פאר א ברכה פון דעם צדיק, ער איז דאן

מפורסם געווארן אין די גאנצע וועלט אלס א פועל ישועות און א בעל מופת עצום.

זיין גרויסע עבודת הקודש איז באשטאנען פון עוסק זיין גאר אסאך אין צדקה וחסד און אויך מיטן אויס לייזן אידישע קינדער וואס זענען ליידער אריין אין תפיסה, דורך דעם וואס זיי האבן נישט געקענט באצאלען זייער חוב פאר די פריצים, ווען אימער א גוי איז געקומען פאר א ברכה צום צדיק, האט ער כסדר אן געזאגט, **אז אויב וועט מען זיין גוט צו אידישע קינדער וועלן זיי האבן הצלחה**, דער צדיק האט געהאט אין זיך א געוואלדיגע אהבת ישראל וואס איז געווען גאר גרויס, ער האט כסדר מלחמה געהאלטן מיט די אידן וואס האבן נעבעך גע'מסר'ט אנדערע אידן פאר די ממשלה, **ער האט זיין גאנץ לעבן עוסק געווען צו מלמד זכות זיין אויף אידישע קינדער**.

ווי באקאנט איז געווען בחייו פון די צדיקים א **חילוקי דעות** צווישן דעם הייליגען שפאלער זיידע זי"ע און אנדערע צדיקים בדורו, ובתוכם הרה"ק **רבי נחמן מברסלב** זי"ע און הרה"ק **רבי ברוך'ל ממעזיבוז** זי"עביידע אייניקלעך פונעם בעש"ט הקדוש זי"ע, אבער צדיקים האבן מעיד געווען, אז דאס איז געווען העכערע זאכן וואס אונז פשוטע מענטשן קענען נישט משיג זיין, ובמקום גדולים על תעמוד, און די צדיקים בדורו האבן מעיד געווען, **אז דער הייליגער שפאלער זיידע האט אליין מעיד געווען אויף הרה"ק רבי נחמן מברסלב זי"ע אז ער איז א צדיק וקדוש**.

מען דערציילט, אז דער הייליגער שפאלער זיידע איז געווען א געוואלדיגע פזרן בצדקה, ער האט קיינמאל נישט מקפיד געווען פאר וועם ער גיבט צדקה, נאר ווען סיי ווער איז געקומען נאך געלט, האט יענער גלייך באקומען פון דעם צדיק צדקה, אפילו פאר גנבים וואס זענען געקומען בעטן צדקה, האט דער צדיק אויך געגעבן, ווען איינע פון די מקורבים האבן אמאל געפרעגט פונעם צדיק, פארוואס ער גיבט פאר דעם גנב געלט.

האט דער הייליגער שפאלער זיידע מסביר געווען פאר דעם איד, אמאל פאסירט, **אז די שערי רחמים זענען ליידער פארשלאסן און פארהאקט און מען קען נישט פועל'ן קיין ישועות ביים בורא כל עולמים, דאן שיק איך די גנבים, און זיי טרעפן שוין א וועג ווי אזוי צו אויפמאכן די שערי רחמים און דורך דעם פועל'ט מען ישועות**.

ווי באקאנט האט דער הייליגער שפאלער זיידע געהאט **א גרויסע כח אין נגינה**, ער האט מחבר געווען גאר געהויבענע און הייליגע ניגונים, ווי למשל דעם ניגון "**האפ קאזאק**" און אויך דעם ניגון "**קול ביער**", וואס זענען געזינגען געווארן ביי ערליכע אידן אין די הייליגסטע טעג פונעם יאר ווי **שביעי של פסח און שמחת תורה**.

אויך איז דער הייליגער שפאלער זיידע זי"ע געווען באוויסט אלס א גאר שיינע טאנצער, וואס עס איז מקובל, **אז די טאנצן האט אים אליהו הנביא ז"ל אויס געלערנט**, וואס פארשטייט זיך אז דאס איז נישט געווען א גשמיות זאך, נאר ער האט מיט זיין טאנצען מתקן געווען גאר גרויסע זאכן.

ווי מען זעט אז דער הייליגער צדיק וקדוש הרה"ק **רבי אברהם המלאך** זי"ע האט אליין מעיד געווען, **אז דער שפאלער זיידע מיט זיין טאנצן שבת ויו"ט און מייחד זיין גרויסע יחודים, ברעכט ער אויף שערים און טוט אויף גאר גרויסע זאכן, און דאס איז אסאך העכער ווי די תפילות פון אים רבי אברהם המלאך זי"ע**.

ער האט איבער געלאזט זיינע קינדער.

הרה"ק **רבי אברהם** זי"ע,<br>
הרה"ק **רבי יעקב** זי"ע,<br>
הרה"ק **רבי פסח** זי"ע,<br>
אויך איז אונעם שטוב פונעם הייליגען שפאלער זיידע זי"ע אויפגעוואקסן הרה"ק **רבי חיים יוסף מפיסטין** זי"ע וואס איז געווארן א יתום יונגערהייט.

דער הייליגער שפאלער זיידע זי"ע האט געלאזט צוואה **אז מען זאל אויפן ציון נישט לייגען קיין מצבה**.

נסתלק לגנזי מרומים **ו' תשרי בשנת תקע"ב**, ומנוחתו כבוד איז אין שטאט **שפאלי**.

זכותו הגדול יגן עלינו<br>
ועל כל ישראל אמן.

**איין יאר ביים סדר נאכט איז דער הייליגער שפאלער זיידע זי"ע געזעצן מיט די קינדער**, און מען האט אנגעהויבן דעם סדר, דער שפאלער זיידע פרעגט זיין קינד יעקב זאל זאגן, וואס דער מלמד האט אים אויס געלערנט אין חדר "**קדש**", און דער קינד הייבט אן זאגן, "**קדש ווען דער טאטע קומט אהיים פון שוהל, טוט ער זיך אן די ווייסע קיטל, און ער מאכט שנעל קידוש**", און דער עולם שטייט און ווארט אז דער קינד זאל צו ענדיגן ווייטער, אבער דער קינד שטעלט זיך אפ.

פרעגט דער טאטע דער הייליגער שפאלער זיידע, דאס איז אלעס וואס די רבי האט אויס געלערנט, זאגט דער קינד אז יא, נאר דאס האט די רבי געזאגט, דער הייליגער שפאלער זיידע איז פארזינקען געווארן אין זיינע הייליגע מחשבות, און דאן זאגט ער פארן קינד, מען דארף ענדיגן, "**כדי די קליינע קינדער זאלן נישט איינשלאפן און קענען פרעגן די מה נשתנה**", און דאן האט דער שפאלער זיידע געמאכט קידוש.

דעם קומענדיגן טאג ווען דער שפאלער זיידע האט געטראפן דעם מלמד, האט ער געפרעגט דעם מלמד, פארוואס לערנסטו נישט אויס די קינדער ביי קדש אויך דעם לעצטן שטיקל וואס מען דארף זאגן, האט דער מלמד געזאגט, **איך האב געטראכט אז דאס איז דאך נאר א טעם פארוואס מען מאכט שנעל קידוש, און איך האב נישט געהאלטן אז דאס איז וויכטיג צו אויס לערנען פאר די קינדער**.

האט דער הייליגער שפאלער זיידע אן געשריגן דעם מלמד און געפרעגט, "**ווי קענסטו זאגן אז דאס איז נישט וויכטיג, די ביסט דען חשובער פון אלע מלמדים פון ביז היינט, און די פארשטייסט בעסער פון זיי**", און דער הייליגער שפאלער זיידע האט ממשיך געווען, "**די זאלסט וויסן, אז די פארשטייסט נישט אונזערע מקובל'דיגע מנהגים, און די זאלסט זיך נישט וואגן מער צו גרינג שעצן און צו ענדערן לויט דיין פארשטאנד די מנהגים פון די פריערדיגע מלמדים**".

און דא האט זיך דער הייליגער שפאלער זיידע אויסגעדרייט צום עולם און געזאגט, דער הייליגער זוהר הק' ברענגט, אז כנסת ישראל זאגט פארן באשעפער, אז מיר זענען אין גלות אין די בחינה פון "**פאר שלאפען**" און מיט דעם הייבן מיר אן דעם סדר, ווען דער טאטע קומט אהיים פון שוהל, דאס מיינט צו זאגן ווען דער טאטע פון הימל דער גרויסער באשעפער קומט אהיים פון שוהל פסח ביינאכט, און ער זעהט ווי זיין הייליג פאלק די יודען, אפילו זיי זענען אויסגעמיטשעט און פארפלאגט פון די ארבעט פון פאר פסח, מיט דעם אלעם זענען זיי אלע געקומען אין בית המדרש, און געזאגט הלל פארן באשעפער מיט התלהבות און השתפכות הנפש.

דאן מאכט דער גרויסער באשעפער שנעל קידוש, כדי צו באנייען אונזער קדושה און אונז אויסלייזען פון גלות, כדי די קליינע קינדער זאלן נישט איינשלאפען, דאס גייט ארויף אויף די יודען וואס זיי ווערן אנגערופן "ילד שעשועים", אז זיי זאלן נישט פארשלאפען ווערן איגנאנצען אין דעם טינקעלען גלות און ח"ו זיך מייאש זיין פון די גאולה, און קענען פרעגן די מה נשתנה, אז מיר יודען פרעגן פונעם באשעפער, "**מה נשתנה הלילה הזה מכל הלילות**", פארוואס איז דער גלות לענגער ווי אלע אנדערע גליות, און זאגענדיג די ווערטער, האט דער הייליגער שפאלער זיידע אויף געהויבען זיינע הענט צום הימל מיט א געוויין און געזאגט, "**טאטע אין הימל נעם אונז ארויס פונעם גלות ווילאנג מיר ווארטן נאך אויף די גאולה, און לאז אונז נישט חלילה אינגאנצן פארשלאפען ווערן אין דעם פינסטער'ן גלות**".

• • •

**הרה"ק הריי"צ מליובאוויטש זי"ע האט דערציילט**, אז ווען דער הייליגער צדיק דער שפאלער זיידע זי"ע איז נאכנישט געווען אזוי מפורסם אין די וועלט מיט זיין גדלות בתורה און זיין געוואלדיגע קדושה, האט דער צדיק בשום אופן נישט געוואלט נעמען קיין רבנות, נאר דער צדיק האט געוואלט בלייבן באהאלטן און דינען דעם באשעפער מיט א תמימות און מיט אמת.

איין טאג ווען ער איז געווען אויפן וועג צו זיין גרויסן רבין דער הייליגער מגיד ממזריטש זי"ע, האט ער געטראפן א בעל עגלה אויפן וועג, וואס זיין וואגן איז אים אריין אין א טיפע זומפ, און דער בעל עגלה האט געבעטן פונעם הייליגען שפאלער זיידע זי"ע, אז ער זאל אים העלפן ארויס שלעפן דעם וואגן פונעם זומפ, האט דער הייליגער שפאלער זיידע זי"ע געזאגט, איך קען נישט אויף

הייבן אזא שווערע וואגן און דאס ארויס שלעפן, האט דער בעל עגלה געזאגט בזה"ל, **"די קענסט, נאר די ווילסט נישט"**, און דער הייליגער שפאלער זיידע, ווען ער האט געהערט די ווערטער פונעם בעל עגלה, **האט ער גלייך צו גלייגט א פלייצע, און די וואגן איז ארויס פונעם זומפ.**

אבער פון די ווערטער פונעם בעל עגלה האט דער הייליגער שפאלער זיידע זי"ע געזעהן א רמז, אז עס איז געקומען די צייט אז ער זאל נתגלה ווערן אין די וועלט און מקרב זיין דורך זיין קדושה אסאך אידן צום הייליגען באשעפער, אזוי ווי ער איז אריין געקומען צו זיין רבין דער הייליגער מגיד ממזריטש זי"ע אין שטוב, האט דער הייליגער מגיד געזאגט פארנט פון זיינע תלמידים פארן שפאלער זיידע בזה"ל.

**"דער בעש"ט האט מיר געזאגט, אז דו קאנסט ארויסשלעפן א בירקע מיט א משא, קאנסט דו און דארפסט זיין א רבי"**, און דער הייליגער מגיד האט ארויף געלייגט ידיו הקדושים אויפן קאפ פונעם שפאלער זיידע און אים מסמיך געווען אלס רבי, און פון דאן האבן טויזענטער אידן אנגעהויבן קומען צום צדיק פאר ברכות, און זענען געהאלפן געווארן מיט ישועות למעלה מדרך הטבע.

• • •

**צום הייליגען שפאלער זיידע איז מען איינמאל געקומען מזכיר זיין א מקשה לילד**, האט דער הייליגער צדיק גענומען א מנין אידן, און זיך געשטעלט זאגן תהילים, אז די מקשה לילד זאל געהאלפן ווערן, אבער ליידער האט דער צדיק געזען אז די תפילות ארבעטן נישט.

דער שפאלער זיידע האט געהאט א גבאי וואס האט געהייסן חאלבנא, וואס איז געווען א גאר פשוטער איד, אבער ער האט געהאט א מנהג, אז יעדעס מאל ווען ער האט געזען, אז די רבי דער שפאלער זיידע איז צוטראגן, **האט ער געזאגט א ווערטל, און דאן האט ער געמאכט דעם רבין שמייכלען**, און ווען דער גבאי איז אריינגעקומען און געזען ווי דער שפאלער זיידע זאגט תהילים און איז צוטראגן, האט דער חאלבנא געזאגט א גוט ווארט, און דער שפאלער זיידע האט זיך צעשמייכלט.

דאן האט זיך דער שפאלער זיידע אנגערופן, **מזל טוב די קינד איז ב"ה געבוירן בשעה טובה ומוצלחת**, און דאן האט דער צדיק געזאגט, **מיט די תהילים האבן מיר טאקע גע'פועל'ט אז די מאמע זאל בלייבן לעבן, אבער דעם קינד האט מען נישט געקענט אויספועלען, אבער דער גבאי מיט זיין ווערטל וואס האט אריינגעברענגט שמחה, דאס האט געראטעוועט דעם קינד אויך, ווייל וואס שמחה קען אויפטון, קען קיין שום תפלה נישט אויפטון.**

• • •

**דער הייליגער צדיק רבי מאיר הורוויץ בעל אמרי נועם מדז'יקוב זי"ע**, האט נאך געזאגט בשם דעם זיידן דער הייליגער זרע קודש מראפשיץ זי"ע, אז עס איז געווען א צדיק וואס איז איינמאל געקומען צום הייליגען שפאלער זיידע זי"ע, אבער וויבאלד דער שפאלער זיידע זי"ע האט זיך כסדר געפירט מיט א מוראדיגע פשטות און באהאלטען קייט, און ווי באקאנט פלעגט ער גיין מיט גאר לאנגע קליידער ממש ביז איבער די פיס, איז דער צדיק נישט נתפעל געווארן פון די עבודהביים שפאלער זיידע.

אבער דאן איז אנגעקומען די הייליגע יו"ט שמחת תורה, וואס דאן האט דער שפאלער זיידע אויף געבויגן זיין בעקיטשע כדי ער זאל קענען טאנצן, און יענער צדיק, אזוי ווי ער האט געזען די הייליגע פיס פונעם שפאלער זיידע, **איז ער אוועק געפאלן אין חלשות.**

• • •

**דער הייליגער שפאלער זיידע זי"ע האט דערציילט**, אז ער האט געהאט א תלמיד זיינער, וואס מען האט ליידער געכאפט מיט א גניבה, און די גוים האבן אנגעטראגען פאר דעם איד, **אז אויב ער וועט זיך שמד'ן רח"ל צו זייער גלויבען, וועט מען אים לאזן לעבן**, אבער דער תלמיד איז בכלל נישט נתפעל געווארן, און בשום אופן נישט געוואלט נעמען דעם אנטראג.

האבן די גוים גענומען דעם איד און אים רח"ל אנגעגאסען מיט הייסע קוילן און אזוי אים אומגעברענגט אויף קידוש השם, אבער דער איד האט זיך פון די אלע זאכן בכלל נישט וויסענדיג געמאכט, **נאר די גאנצע צייט געקלאטשט און געזונגען אז ער איז א איד**, האט דער שפאלער זיידע געזאגט, **בשעת דער איד האט געקלאטשט און געזינגען, האבן די מלאכי השרת מיט געטאנצן**

**און מיט געקלאטשט, און עס איז געווען א גרויסע נחת רוח בעולם העליון.**

• • •

**ווערט דערציילט, אז דער הייליגער שפאלער זיידע זי"ע האט מתפלל געווען,** אז ער זאל האבן גאר פשוטע קינדער און נישט קיין בעלי מדרגה, **ווייל ליב האבן קינדער בעלי מדרגה איז בכלל נישט קיין וואונדער, אבער ליב האבן פשוטע קינדער איז באמת אן עבודה,** ווייל דאס האט מעורר געווען א לימוד זכות אויף די אידישע קינדער, אז דער גרויסער באשעפער זאל אויך ליב האבן די אידישע קינדער אפילו זיי זענען סתם פשוט.

• • •

**דער הייליגער צדיק הרה"ק רבי איציקל מסקווירא זי"ע** האט אמאל געטראפן א איד א זקן מפלא וואס האט נאך געקענט דעם הייליגען שפאלער זיידע זי"ע, האט אים רבי איציקל געבעטן, אויב ער קען נאך זאגן א ווארט פונעם הייליגען שפאלער זיידע זי"ע, וואס ווי באקאנט האט דער שפאלער זיידע נישט געזאגט קיין דברי תורה, און עס איז נישט געבליבן קיין דברי תורה פון דעם צדיק.

האט דער איד נאך געזאגט דעם ווארט, "מען **קען זיין א שֹׁמֵעַ אִמְרֵי קֵל, און אויך א יֹדֵעַ דַּעַת עֶלְיוֹן, און אויך א מַחֲזֵה שַׁקַי יֶחֱזֶה, און מיט דעם אלעם איז מען א געזונטער בלעם**", דער הייליגער רבי איציקל זי"ע איז פון דעם גאר שטארק צוטראגן געווארן, אז אפשר האט אים דער הייליגער שפאלער זיידע געמיינט.

דאן האט זיך דער הייליגער צדיק רבי איציקל פארשפארט פאר דריי טאג, כדי צו איבער קוקען זיינע מעשים, נאך דריי טאג איז דער הייליגער צדיק רבי איציקל ארויס געקומען און געזאגט, "**ניין נישט קיין בלעם**".

• • •

**מען דערציילט, אז איין מאל זענען די דריי צדיקים,** וואס זענען נאך אלע דריי געווען דאן צדיקים נסתרים, **דער הייליגער שפאלער זיידע** זי"ע, **דער הייליגער רבי מרדכי'לע נעשכיזער** זי"ע, און **דער הייליגער צדיק דער זאסלאווער חזן** זי"ע געגאנגען צו א שטעטל, כדי צו מתקן זיין דברים נשגבים, זענען זיי איין געשטאנען ביי א איד אין זיין גאסט הויז, דער איד האט אויך געהאט א שענק הויז, ווי גוים פלעגן קומען פארברענגען דארט.

ווען עס איז אנגעקומען שבת קודש, האט דער איד געזאגט פאר די דריי צדיקים, אז אויף שבת קודש זאלן זיי גיין צו דעם דערנעבענדיגן שטעטל, ווייל דא ביי אים וועלן זיי נישט האבן קיין רואיגע שבת, ווען זיי האבן געפרעגט דעם איד פארוואס ער טראכט אזוי, האט דער איד דערציילט, אז די גוים פון שטאט וואס קומען די גאנצע וואך טרינקען ביי אים, ווען עס קומט שבת קודש קומען זיי דא און טרינקען זיך אן, און דרייען איבער דעם גאנצן פלאץ, און וויבאלד זיי זענען דאך קליענטען די גאנצע וואך, קען ער זיי נישט פארשיקן, אבער פארוואס זאלן זיי דריי אויך האבן א צושטערטן שבת.

האבן די דריי צדיקים געזאגט פאר דעם איד, נישט געזארגט, לאז אונז דא בלייבן אויף שבת קודש, און מען וועט שוין אלעס מסדר זיין, ערב שבת קודש איז דער הייליגער נעשכיזער ארויס פארנט פונעם שענק, **און ער האט מיטן בעזעם אויסגעקערט פארנט פונעם שענק**, לפלא זענען קיינער פון די גוים מער קיינמאל נישט אריין געקומען אין דעם שענק הויז שבת קודש, אבער אינדערוואכן זענען אלע ווייטער געקומען, **אבער פון דאן אן האט דער איד שוין געהאט מנוחה שבת קודש**.

• • •

**מען דערציילט, אז ווען דער הייליגער שפאלער זיידע זי"ע איז געגאנגען גלות ליידען,** האט ער דאך גאר אסאך עוסק געווען אין פדיון שביים און ארויס גענומען אידן פון די תפיסות, ווען די גוישע ארענדער האבן איינגעזעצט אידן אויב האט מען נישט געקענט באצאלן די חוב, ווען דער הייליגער שפאלער זיידע זי"ע איז אנגעקומען צו איינע פון די שטעט, איז דער הייליגער שפאלער זיידע געוואר געווארן, אז א איד זיצט ליידער אין תפיסה ווייל ער האט נישט צו באצאלן זיין חוב פארן פריץ פון שטאט.

איין טאג האט מען געגרייט א גרויסע סעודה פארן יום הולדת פונעם פריץ, און דער פריץ האט גאר גוט געקענט טאנצן, האט דער פריץ אפגעמאכט, אז ער וועט זיך אינטער האלטן מיטן נעבעכדיגן איד'ל, ער האט מבשר געווען פאר דעם איד, אז דעם קומענדיגן טאג וועסטו זיך אנטון מיט א פארשטעלעכטס פון א בער, און די וועסט קומען

טאנצן צוזאמען מיט מיר, און ווער עס וועט שענער טאנצן, וועט קענען צעשלאגן דעם אנדערן טאנצער.

דער איד האט גאר גוט געוויסט, אז ער קען נישט טאנצן און בכלל איז דער איד שוין געווען אינגאנצן אויסגעדארט פון זיצן אין תפיסה, דער איד איז געווען גאר שטארק צובראכן פון זיין גורל וואס עס ווארט אים אפ דעם קומענדיגען טאג, אבער ביינאכט האט זיך דער הייליגער שפאלער זיידע אריין געכאפט אין תפיסה, און געזאגט פארן איד, **די גיי אהיים צו דיין משפחה, און איך וועל דא בלייבן אנשטאט דיר**.

**ביינאכט איז אליהו הנביא ז"ל געקומען צום הייליגען שפאלער זיידע, און ער האט אים אויס געלערנט טאנצן גאר שיין**, און אליהו הנביא האט אים אויס געלערנט די אלע טענץ וואס די גוים טאנצן, און אזוי איז דער שפאלער זיידע געבליבן זיצן דארט אין תפיסה אנשטאט דעם איד.

צום באשטימטן צייט זענען די באדינער פונעם פריץ געקומען אפנעמען דעם איד פון תפיסה, זיי האבן דעם שפאלער זיידע אנגעטון דעם פארשטעלאכטס פונעם בער, און מען האט אים גענומען צום גרויסן סעודה, אזוי ווי די גוים האבן געזען דעם איד'ל אריינקומען, האט זיך אנגעהויבן די לאכעריי פון די גוים וויסענדיג וואס דא גייט פארקומען מיט דעם איד'ל.

אבער אזוי ווי די מוזיק האט אנגעהויבן שפילן, און דער שפאלער זיידע האט אנגעהויבן טאנצן אזוי ווי אליהו הנביא האט אים אויס געלערנט, און פארשטייט זיך דער גוי דער פריץ איז געווען אינגאנצן אנגע'שוכר'ט, אזוי האט דער שפאלער זיידע גאר שיין געטאנצן, און דער פריץ האט נישט געקענט טאנצן אזוי שיין ווי אים.

דאן ווען דער שפאלער זיידע האט געזען, אז ער האט דאך געוואונען דעם פארמעסט, האט ער זיך אראפ געלאזט אויף דעם פריץ דעם רשע, און ער האט אים גוט באקלאפט די ביינער פארן מצער זיין דעם איד, פון דאן אן האט שוין דער פריץ קיינמאל מער נישט געטשעפעט קיין אידן.

• • •

**הגה"ק רבי שלמה קלוגער זי"ע האט דערציילט**, אז דער הייליגער שפאלער זיידע זי"ע האט מפרסם געווען בחייו, **אז ווער עס האט א צרה אין שטוב, זאל ער מנדב זיין א סכום געלט פאר צדקה, און זאגן אז ער גיבט דאס לטובות זיינעט וועגן, און ער וועט געהאלפן ווערן**, אפילו נאכן פטירה האט מען זיך ווייטער אזוי געפירט, **אז מען האט מנדב געווען א סכום פאר צדקה לעילוי נשמתו פון דעם צדיק, און אידן האבן געזען גרויסע ישועות**.

• • •

**דער הייליגער צדיק רבי אשר'ל מסטאלין זי"ע האט אמאל געהערט**, אז עס איז דא א איד א זקן מפלא וואס האט א ברכה פונעם הייליגען שפאלער זיידע זי"ע, איז דער צדיק רבי אשר'ל געגאנגען באזיכן דעם איד, צו הערן וואס די ברכה פונעם שפאלער זיידע איז געווען.

האט אים דער איד דערציילט, אז ביים הייליגען שפאלער זיידע זי"ע איז געווען א מנהג יעדן שבת קודש אויפדערנאכט, אז נאכן דאווענען האט דער הייליגער צדיק אויף געהויבן זיינע ידיו הקדושים אין דער הייעך און געזאגט, "**שאו ידיכם קודש וברכו**", און דאן זענען אלע מתפללים דורך, און דער שפאלער זיידע האט יעדן געבענטשט מיט א ברכה, אבער די ברכה האט דער שפאלער זיידע געזאגט גאר שטיל, אז קיינער האט נישט געהערט וואס ער וואונטשט.

דערציילט דער זקן, איין שבת קודש ביינאכט ווען איך בין דורך אין די רייע, האב איך אפ געמאכט, אז איך וועל נאכאמאל דורך גיין די רייע, כדי צו באקומען נאך א ברכה פונעם צדיק, אבער אזוי ווי איך קום אן זאגט מיר דער צדיק, **דיך האב איך שוין איינמאל געבענטשט, האב איך געזאגט, יא טאקע מען האט מיך שוין געבענטשט, אבער איך האב נישט געהערט וואס די רבי זאגט**.

האט דער הייליגער צדיק געזאגט, דאן וועל איך דיך בענטשן הויעך מיט די ברכה, כדי די זאלסט הערן וואס איך ווינטש, און דאן האט דער צדיק דער הייליגער שפאלער זיידע זי"ע מיך געבענטשט מיט דריי ברכות, **די זאלסט האבן אריכת ימים ושנים, צוזאמען מיט די קינדער, און קיינמאל נישט וויסן פון קיין קראנקייט ח"ו, דערציילט דער זקן, אלע דריי ברכות זענען מקויים געווארן פונקטליך אזוי ווי דער צדיק האט געוואונטשן**.

• • •

**אויפן גוואלדיגן עניוות פונעם הייליגן שפאלער זיידע זי"ע,** האט דערציילט דער הייליגער רוזינער זי"ע, אז זיין טאטע דער הייליגער צדיק רבי שלום שכנא מפראהביטש זי"ע, איז אמאל געפארן אויף שבת קודש צום הייליגן שפאלער זיידע זי"ע, ווי באקאנט האט דער הייליגער שפאלער זיידע געהאט א גוואלדיגע **אריכת ימים ער איז געווען דער זקן הצדיקים בדורו,** און דער הייליגער רבי שלום שכנא איז נאך דאן געווען א יונגערמאן.

ווען עס איז געקומען צום שבת טיש, האט דער שפאלער זיידע געזעצט רבי שלום שכנא אויבן אן, און ער דער שפאלער זיידע איז געזעצן אינדערזייט אזוי ווי א חסיד ביי זיין רבין, ווען עס איז געקומען מוצאי שבת און די צוויי צדיקים האבן זיך געזעגנט, האט דער הייליגער שפאלער זיידע געבעטן פון רבי שלום שכנא, **אז ער זאל אים בענטשן,** אבער רבי שלום שכנא האט געזאגט, איך בין דאך א יונגערמאן, און עס פאסט נישט אז איך זאל אייך בענטשן, אזוי האבן די צוויי צדיקים געהאט א דין ודברים.

דאן האט דער שפאלער זיידע געזאגט, לאמיר מאכן א פשרה, אונז וועל מיר זיך איינער דעם אנדערן בענטשן, אבער איר רבי שלום שכנא זאל קודם בענטשן, און דאן האט דער הייליגער צדיק רבי שלום שכנא געבענטשט דעם שפאלער זיידע, אבער אזוי ווי ער האט געענדיגט בענטשן איז דער שפאלער זיידע אוועק געשפרינגען און נישט געוואלט צוריק בענטשן רבי שלום שכנא און געזאגט, **ווי אזוי קען איך אייך בענטשן, בין איך דען ווערט אז איך זאל אייך בענטשן.**

• • •

**מען דערציילט, אז איינמאל איז דער הייליגער צדיק רבי זושא מאניפאלי זי"ע זייער נישט געזונט געווען,** און דער הייליגער שפאלער זיידע זי"ע איז אים געקומען מבקר חולה זיין, און בשעת ווען ער איז דארט געווען האט ער געזוכט א זכות אויפן רבי ר' זושא, אז אין דעם זכות זאל ער געזונט ווערן, אבער דער הייליגער רבי ר' זושא האט גלייך מרגיש געווען, אז דער שפאלער זיידע זוכט א זכות, האט רבי ר' זושא געזאגט, ש**פאלער זיידע זיכט נישט קיין זכותים אויף מיר, ווייל אויב יא קען נאך קומען א מלאך און מקטרוג זיין אויף דעם זכות.**

נאר האט רבי ר' זושא געזאגט, זאגט ענדערשט די ווערטער, "**רבוש"ע ארום אניפאלי וואוינען מער ווי זיבן הונדערט גוים, און אלע זענען געזונט, מעג אויך רבי ר' זושא זיין געזונט**", און עס איז מקובל, אז מען זאל די מעשה דערציילן ווען מען גייט מבקר חולה זיין א איד, און דאס איז מסוגל פאר א רפואה, אויך פלעגט דער הייליגער צדיק רבי ר' זושא אנוואונטשן פאר אידן וואס זענען געקומען מזכיר זיין א חולה, "**די זאלסט זיין געזונט ווי א גוי**".

• • •

**מען דערציילט, אז איין טאג איז אריין געקומען צום הייליגן שפאלער זיידע א איד,** וואס איז ל"ע געווען אויס געשלאגן אויפן גאנצן גוף מיט געפערליכע בלאטערן, איז דארט געווען דער גבאי חלבנא וואס האט באדינט דעם הייליגן שפאלער זיידע.

א קורצע צייט שפעטער, איז דער גבאי אריין געקומען, **און ער זעהט ווי דער הייליגער שפאלער זיידע איז אינגאנצן אויס געשלאגן אויפן גוף פונקט אזוי ווי דער איד,** האט דער גבאי געפרעגט פונעם שפאלער זיידע, **וואס האט דאס אויס געפעלט פארן רבין צו נעמען די קראנקהייט פון דעם איד,** האט דער שפאלער זיידע געזאגט, **ווער בעט דיך די זאלסט דיך אריין מישן אין מיינע געשעפטן.**

אביסל שפעטער ווען דער גבאי איז אריין געקומען האט ער געזען, ווי דער שפאלער זיידע איז אויס געהיילט, האט ער געפרעגט דעם רבין, וואס איז דא פאר געקומען, האט דער שפאלער זיידע געזאגט, **ווען דער איד איז אריין געקומען, האב איך גלייך געזען, אז דער איד האט נישט דעם כח אויס צו האלטן די יסורים, האב איך דעם קראנקהייט קודם איבער גענומען אויף מיר, דערנאך האב איך מיך שוין איינגעבעטן ביים רבוש"ע, אז ער זאל דעם קראנקהייט אוועק נעמען פון מיר, אבער קודם זאל דער איד ווערן געזונט.**

• • •

**ווערט דערציילט, אז איין יאר אפאר וואכן בעפאר פסח,** איז דער הייליגער שפאלער זיידע זי"ע ארום געפארן צו אלע שטעט ארום שפאלי, און ער האט צוזאם גענומען אסאך ווייץ אויף פסח, יעדער האט זיך גאר שטארק געוואונדערט וואס דער צדיק ברויך אזויפיל ווייץ אויף פסח.

אבער לפלא האט ליידער אויס געבראכן אפאר טאג בעפאר פסח א שרעקליכע פייער אין א שטאט נעבן שפאלי, און די גאנצע שטאט איז ל"ע פארברענט געווארן, און דער שפאלער זיידע איז גלייך אריבער, און אויס געטיילט דאס גאנצע מצה וואס ער האט געבאקן, און דאן האט דער עולם געזען, **אז דער צדיק האט אנגעגרייט די רפואה בעפאר די מכה, און דערפאר האט ער צוזאמען געשטעלט אזויפיל ווייץ און מצה.**

• • •

**הרה"ק רבי אלימלך מרודניק זי"ע האט דערציילט,** בשם דעם זיידן הרה"ק בעל דברי חיים מצאנז זי"ע, אז דאס ערשטע מאל וואס דער הייליגער שפאלער זיידע זי"ע איז אנגעקומען קיין מעזיבוז צום בעש"ט הקדוש זי"ע, אזוי ווי ער איז אריין געקומען אין שטוב צום בעש"ט, האט אים אנגעכאפט א פחד און ציטער און ער האט געזאגט, **דאס איז דער איד מיט די לאפעטע, און דער שפאלער זיידע איז צוזאמען געפאלן.**

ווען מען האט אים דערמינטערט, האט דער הייליגער שפאלער זיידע זי"ע דערציילט, אז ווען זיין נשמה האט געברויכט אראפ קומען אויף די וועלט, האט ער בשום אופן נישט געוואלט אראפ קומען, נאר האט געוואלט בלייבן אויבן בבית השם און נהנה זיין מזיוו שכינתו בשמי מעל, און האט בשום אופן נישט געוואלט אראפ קומען אויפן עולם השפל.

אבער ווען עס איז געקומען די צייט אז די נשמה הטהורה זאל קומען אויף די וועלט, איז געווארן א גרויסע רעש און א טימל אין הימל, ווייל די נשמה האט געברויכט אראפ קומען אויף די וועלט און משפיע זיין תורה און קדושה, אבער דער הייליגער נשמה האט זיך געהאלטן ביי זיינס, אז ער קומט נישט אראפ אויף די וועלט.

דאן האט זיך באוויזן א גרויסע לעכטיגקייט און א איד א זקן איז אנגעקומען מיט א שטעקן און האט געזאגט פאר מיר בזה"ל, "**השקיפה נא מן השמים וראה את גודל הצרות המתרגשות ובאות על כלל ישראל, כמה נפשות נדכאות ושבורות שצריכים לחזקם לתומכם ולאמצם, ומה לך זה שתסתכל אך ורק לטובת והנאת עצמך, שים נגד עיניך גם את טובת כלל ישראל**", דער איד האט אים זייער אנגעשריגן, פארן נאר טראכטן פון זיין גוטס אויפן עולם האמת, און בכלל נישט טראכטן וויפיל נשמות ישראל ווארטן אויף זיין השפעה, און דער איד האט אים כמעט געוואלט שלאגן, און דאן האב איך געהערט דעם מזל טוב און איך בין געבוירן געווארן.

פירט אויס דער הייליגער שפאלער זיידע זי"ע, אז יעצט ווען ער האט דאס ערשטע מאל געזען דעם בעש"ט הקדוש זי"ע, האט ער געזען, **אז יענער איד וואס האט אים אראפ געטריבן אויף די וועלט, איז געווען דער בעש"ט הקדוש זי"ע**, וואס האט געזען מיט זיינע הייליגע אויגן, אז דער נשמה וועט גאר אסאך אויפטון פאר אידישע נשמות און זיי נענטער ברענגען צום גרויסן באשעפער, און דערפאר האט ער אים אראפ געטריבן פונעם עולם האמת, און דערפאר איז דער שפאלער זיידע צוזאמען געפאלן, **זעענדיג יענעם איד וואס ער האט געזען בעולם העליון בעפאר ער איז געבוירן געווארן.**

• • •

**ווערט דערציילט א מעשה נפלא וואס האט פאסירט ביים הייליגן שפאלער זיידע זי"ע,** אין שטאט שפאלי האט געוואוינט א איד א גרויסער חסיד און א ירא שמים, ליידער איז דער איד נפטר געווארן און איבער געלאזט א אלמנה און צוויי טעכטער יתומות, די אלמנה האט געהאט א געשעפט ווי זי האט פארקויפט די משקה "**מעד**", און ווויסענדיג אז די מאן איז געווען גאר ערליך און אויך די אלמנה איז געווען א צדקת, האבן אלע שטאט מענטשן כסדר געקויפט פון דעם געשעפט, און זי האט פון דעם געצויגען שיין פרנסה, און אויך חתונה געמאכט די צוויי טעכטער.

איין טאג איז די פרוי די אלמנה זייער קראנק געווארן און געקומען צו א מצב פון גסיסה ממש, די צוויי טעכטער וויסענדיג אז די שטאט מענטשן קויפן דאך מעד פונעם געשעפט נאר וועגן די מאמע וואס איז געווען א ערליכע צדקת, האבן זיי מורא געהאט, אז אויב די מאמע וועט נפטר ווערן וועלן זיי בלייבן אן קיין פרנסה, זענען זיי גלייך אריבער געלאפן צום צדיק דער הייליגער שפאלער זיידע זי"ע, און זיי האבן מזכיר געווען די מאמע, אז זי איז ליידער אין א שרעקליכע מצב, און געבעטן די רבי זאל ברענגען א ישועה.

נאכן אויסהערן די טעכטער האט דער צדיק געזאגט, אז מען זאל נעמען א באטל פון די מעד פון די געשעפט, און זיי זאלן אריבער גיין צום קבר פון זייער טאטע, און דארט זאלן זיי זאגן פארן טאטן, **אז די מעד ברענגען זיי לכבוד די גאסט וואס וועט בקרוב קומען בעולם העליון**, ווען די טעכטער האבן געהערט די ווערטער, זענען זיי צוזאמען געפאלן, פארשטייענדיג אז דער צדיק מיינט צו זאגן, אז די מאמע גייט ליידער נפטר ווערן, אבער נאכדעם וואס מען האט די טעכטער דערמינטערט, האט דער הייליגער שפאלער זיידע זי"ע געזאגט, **גייט אהיים, און די מאמע וועט בקרוב געזונט ווערן**, לפלא ווען די טעכטער זענען אהיים געקומען, האבן זיי געטראפן די מאמע געזונט און שטארק.

פאר די שטוב מענטשן פונעם הייליגען שפאלער זיידע איז דאס געווען א גרויסע וואונדער, דא הייסט די רבי אז מען זאל גיין מבשר זיין פאר די טאטע, אז בקרוב קומט די מאמע ארויף בעולם העליון, אבער גלייך דערנאך זאגט די רבי אז די מאמע וועט געזונט ווערן, ווען דער צדיק האט געזעהן די וואונדער פון זיינע שטוב מענטשן אויף וואס איז דא פאר געקומען, האט דער צדיק געזאגט, איך וועל אייך דערציילן וואס דא איז געווען.

די מאמע די אלמנה איז טאקע א אשה צנועה ויראת השם, אבער ליידער זענען די טעכטער שוין נישט אזוי ערליך, און דערפאר איז נגזר געווארן אין הימל, **אז די מאמע זאל ר"ל נפטר ווערן צוליב די עבירות פון די טעכטער**, אבער מיט די בשורה וואס איך האב מבשר געווען פאר די טעכטער און זיי זענען צוזאמען געפאלן פון גרויס צער, **האבן זיי שוין באקומען דעם שטראף כאילו די מאמע איז נפטר געווארן, און דורך דעם וואס זיי האבן באקומען די שטראף, איז געקומען די רפואה פאר די מאמע**.

• • •

**ווי באקאנט האט דאך דער הייליגער צדיק וקדוש רבי פנחס מקאריץ זי"ע**, גאר אסאך אויס געלערנט זיינע הייליגע תלמידים דעם **מידות האמת**, און דאס איז אריבער גערינען צו זיינע תלמידים, און ווי באקאנט איז זיין תלמיד דער הייליגער צדיק רבי רפאל מבערשיד זי"ע געווען א גרויסע איש האמת, און דער רבי האט געזאגט פארן תלמיד, אז ער זאל קיינמאל נישט זיין אויף שבת קודש נאר ביי זיך אינדערהיים, אדער ביי די צוויי צדיקים, הרה"ק **רבי גדלי' מליניץ** זי"ע, אדער ביי הרה"ק **דער שפאלער זיידע** זי"ע.

איין שבת קודש איז דער צדיק רבי רפאל געפארן צום הייליגען שפאלער זיידע זי"ע, און עס זענען אויך דארט געווען נאך צדיקים וקדושים, און יענעם ערב שבת קודש האט מען זיך פארשפעטיגט מיטן צונדען ליכט, און מען האט געצינדען ליכט אביסל שפעטער ווי מען האט זיך געפירט יעדן ערב שבת.

דער שפאלער זיידע זי"ע האט פון דעם געהאט גרויס צער און עגמת נפש, און ער האט אנגעפרעגט פון די אנדערע צדיקים וועלכע זענען דארט געווען, וואס זיי זאגן אויב דא איז געווען חילול שבת ח"ו, און די צדיקים האבן געזאגט, אמת טאקע מען האט געצינדען ליכט שפעטער ווי געוועינליך, אבער מיט דעם אלעם איז דאס נישט געווען אזוי שפעט, אז מען זאל האבן עובר געווען אויף חילול שבת.

האט דער שפאלער זיידע געזאגט, **ווילן מיר פרעגן דעם רבי רפאל וואס ער איז א איש האמת, ער וועט מיר זיכער זאגן דעם אמת**, האט דער הייליגער צדיק רבי רפאל זי"ע געזאגט, **אמת עס איז געווען א שטיקל חילול שבת, ווייל מען האט דאך געצינדן ליכט שפעט, נאר מן הסתם וועט די רבי תשובה טון דעראויף, ווייל ביים רבין איז דאך נישט געווען קיין ריכטיגער חילול שבת ח"ו, נאר מען האט זיך אביסל פארשפעטיגט, אבער עס זענען דאך דא ארענדער דא אין שטאט וואס זענען ליידער באמת מחלל שבת, און דער רבי מיט זיין תשובה וועט ער ברענגען א הרהר תשובה און א כפרה אויך אויף די שוואכע אידן**.

ווען דער הייליגער שפאלער זיידע האט געהערט די אמת'ע ריידט פון רבי רפאל זי"ע, האט ער זיך אנגערופן צו די צוויי צדיקים וועלכע זענען דארט געשטאנען, **זעט איר דאס איז א אמת'דיגע איד, און האט דערביי געוויזען אויף הצדיק הקדוש רבי רפאל זי"ע**.

• • •

**דער הייליגער שפאלער זיידע זי"ע וואס איז געווען א סניגורן של ישראל** און כסדר מילץ יושר

געוועזן ביים באשעפער אויף זיינע אידישע קינדער, האט אמאל געזאגט בזה"ל, "**רבוש"ע די ווארטס דאך אז די אידישע קינדער זאלן תשובה טון, האט דער שפאלער זיידע אנגעכאפט זיין דיקנא קדישה און געזאגט, רבוש"ע איך שווער, אז די וועסט דיך מיזן ברעכן און נאכגעבן פאר אידישע קינדער און מוחל זיין פאר אידישע קינדער אפילו אן תשובה**".

• • •

**איינע פון די צדיקים האבן דערציילט**, אז דער הייליגער שפאלער זיידע זי"ע האט אמאל געזאגט א מליצה ישרה אויף אידישע קינדער בזה"ל, "**רבוש"ע וואס האסטו טענות אויף דיינע אידישע קינדער, אויב וואלסטו געשטעלט דעם צורה פונעם גיהנום פארנט פון זייערע אויגן, און די תאוות וואלסטו באהאלטן אינעם ראשית חכמה, וואלטן זיי דאך נישט געזינדיגט, אבער אזוי ווי די האסט די תאוות הגשמי געלייגט פארנט פון זייערע אויגן, און דעם גיהנום האסטו אריין געלייגט אינעם ראשית חכמה, מה יעשו בנים ולא יחטאו**".

• • •

**דער הייליגער אוהב ישראל מאפטא זי"ע האט דערציילט**, אז איינמאל איז ער געוועזן ביים הייליגען שפאלער זיידע זי"ע, און עס איז אנגעקומען א בריוו צום שפאלער זיידע, ווי עס איז געשטאנען אסאך שבחים און תארים אויפן שפאלער זיידע, **און ער זעהט ווי דער צדיק ליינט אפ די תארים איינמאל און נאכאמאל**, עס איז געוועזן א גרויסע חידוש, פארוואס דער צדיק ליינט אזוי די אלע שבחים.

האט דער הייליגער שפאלער זיידע זי"ע, וואס איז שוין געוועזן דאן א זקן, אן געכאפט זיין דיקנא קדישא און געזאגט מיט זיין גרויס עניוות, **דער יצר הרע קומט נאך אלס צו מיר, און פראבירט מיך צו איבער רעדן אויף עבירות, דערפאר זאג איך איבער די אלע שבחים וואס מען שרייבט אויף מיר, און מיט דעם זאג איך פארן יצר הרע, אז ער זאל מיך שוין אפלאזן, ווייל איך בין דאך אזוי גרויס און הייליג, און ווי אזוי פאסט פאר מיר צו טון די עבירות**.

• • •

**מען דערציילט א מעשה נורא וואס איז פאר געקומען ביים הייליגען שפאלער זיידע זי"ע**, אז אין שטאט שפאלי האט געוואוינט א פריץ, וואס האט אסאך צרות אפגעטון פאר די אידן, איין טאג איז דער פריץ דורך ביים שטוב פונעם שפאלער זיידע זי"ע, האט דער שפאלער זיידע צו געריפן דעם פריץ און ארויס גענומען זיין טאש טיכל פון טאש, און ער זאגט פארן פריץ, ווילסט זעהן א דבר פלא, האט דער פריץ געזאגט אז יא ער וויל זעהן א דבר פלא.

האט אים דער הייליגער שפאלער זיידע זי"ע געהייסן אריין קוקען אין טאש טיכל, און דארט האט ער געוויזן פארן פריץ זיין פלאץ, דאן האט ער געהייסן פארן פריץ אריין קוקען נאכאמאל, און ער האט אים געוויזן זיין גארטן, דאן האט אים דער שפאלער זיידע געוויזן אינווייניג אין זיין הויז, און דארט האט דער פריץ געזען דעם גלח וואס האט אזויפיל בלבולים דערציילט אויף די אידן, **ווי ער דער גלח טוט מעשים אשר לא יעשה ביים פריץ אין שטוב**.

האט אים דער שפאלער זיידע זי"ע געזאגט, **אז אויב ער וויל דער'הרג'ענען דעם גלח, זאל ער אריין שיסן אינעם טאש טיכל, און דער גלח וועט מיט דעם גע'הרג'ט ווערן**, און דער פריץ האט געטון ווי דער שפאלער זיידע האט געהייסן, און אזוי ווי ער איז אהיים געקומען, האט ער געהערט, **אז דער גלח איז געשטארבן ביי אים אין שטוב**, דאן האט דער פריץ געזען דעם גרויסן כח פון דעם שפאלער זיידע, און פון דאן האט ער מבטל געוועזן אלע גזירות אויף אידן.

• • •

**דער הייליגער חוזה מלובלין זי"ע האט אמאל אינמיטן דאווענען געפרעגט פון די תלמידים**, איינער ווייסט אפשר די נאמען פון די מאמע פון דער הייליגער שפאלער זיידע, ווייל דער הייליגער חוזה האט מן הסתם געזעהן, אז דער הייליגער שפאלער זיידע ברויך רחמים, אבער קיינע פון די תלמידים האבן נישט געוויסט די מאמע'ס נאמען, אביסל שפעטער האט דער הייליגער חוזה נאכאמאל געפרעגט, אויב איינער ווייסט די מאמע'ס נאמען, עס איז געוועזן א וואונדער פאר די תלמידים פארוואס די רבי בעט די נאמען.

דאן האט איינע פון די תלמידים געפרעגט פונעם הייליגען חוזה מלובלין, פארוואס פרעגט דער הייליגער שפאלער זיידע קיינמאל נישט דעם נאמען פונעם רבין'ס מאמע, נאר ער ווייסט דעם

נאמען גלייך, האט דער הייליגער חוזה געזאגט פאר די תלמידים בזה"ל, "**פון איהם רעדט איר, איך וועל אייך דערציילן ווער דער הייליגער שפאלער זיידע איז**", און דאן האט דער הייליגער חוזה דערציילט ווי פאלגענד.

איינמאל איז געווען א גרויסע אסיפה בעולם העליון פון אלע צדיקים, אויך ער דער הייליגער חוזה זי"ע איז געווען ביי די אסיפה, מען האט געווארט מיט די אסיפה אז דער הייליגער שפאלער זיידע זאל אנקומען, האט מען געשיקט א שליח זאל גיין זעהן ווי דער הייליגער שפאלער זיידע האלט, איז די שליח צוריק געקומען און געזאגט, **אז דער שפאלער זיידע האלט נאך אינמיטן דאווענען**.

נאכןווארטן א שטיק צייט, איז די שליח געקומען נאכאמאל און געזאגט, **אז דער שפאלער זיידע האלט אינמיטן טיילן צדקה**, וואס ווי באקאנט האט דער צדיק עוסק געווען אין צדקה אויף גאר א געהויבענע מדרגה, דאן איז דער שליח צוריק געקומען און געזאגט, אז דער הייליגער שפאלער זיידע קומט, דערציילט דער הייליגער חוזה מלובלין, **בשעת מעשה איז מיר באפאלען אזא פחד און מורא, אז איך בין ממש אראפ געפאלן אויף דער ערד, און עד היום געדענק איך נישט וואס די תוצאה פון יענעם אסיפה איז געווען**, און דער הייליגער חוזה האט אויס געפירט, "**רעדט איר מיט מיר פון דעם שאפלער זיידע**".

• • •

**אין ספר בוצינא דנהורא ווערט געברענגט**, אז דער הייליגער שפאלער זיידע זי"ע פלעגט דאווענען שבת מיט אן אומבאשרייבליכער התלהבות און מיט קולו קולות און טענץ, וואס האט אויסגעזען אינגאנצן אנדערש ווי די איינגעהאלטענע עבודה פון אנדערע צדיקים.

איינמאל איז דער הייליגער צדיק **רבי ברוך'ל מעזשביזשער** זי"ע א אייניקל פונעם בעל שם טוב זי"ע געקומען צו גאסט אויף שבת קיין שפאלא, ווען מען האט אנגעהויבן "**לכו נרננה**" האט דער הייליגער זיידע אנגעהויבן שפרינגען און פלאקערן ווי א פייער, און געטאנצט מיט כוחות עצומים איבערן גאנצן בית המדרש.

דער צדיק רבי ברוך'ל, וואס איז געווען באקאנט מיט זיין שטרענגער און ערנסטער הנהגה פונעם בעל שם טוב'ס הויף, האט זיך צוגעקוקט און געוואלט פארשטיין דעם ענין, נאכן דאווענען האט דער שפאלער זיידע זיך אנגערופן צו רבי ברוך'ל מיט גרויס עניוות און אים געזאגט, "**איך בין דאך א פשוט'ער מענטש, און מיין גאנצע עבודה ביים דאווענען איז נאר ווי א קנעכט וואס וויל משמח זיין זיין קעניג מיט אלע כוחות**", אבער דער צדיק רבי ברוך'ל האט דערפילט די טיפע ריינקייט און אמת פונעם זיידנ'ס כוונות, און האט זייער מפליג געווען זיין גרויסע מדריגה אין עבודה שבלב.

• • •

**אין ספר שארית ישראל ווערט געברענגט**, אז עס איז אמאל געווען א שווערע גזירה אין געגנט ווי דער הייליגער שפאלער זיידע זי"ע האט געוואוינט, אז מען האט איינגעשפארט עטליכע אידישע קינדער וועגן שווערע אפצאלונגען, און מען האט געברויכט באצאלן א ריזיגן סכום געלט יענעם זעלבן טאג זיי אויסצולייזן, אבער ביי די שטאטס-לייט איז נישט געווען קיין פרוטה צו געפינען.

וואס האט דער הייליגער שפאלער זיידע געטון, **ער האט געהייסן אנגרייטן א סעודה מיט ברוינפען, און מוזיק און כלי זמר אינמיטן א געווענליכן וואכנטאג, און זיך אנגעטון ווי פורים**, ער האט צוזאמגערופן די שטאטס-לייט און געזאגט, "**ווען מען עפנט די שערי שמים מיט פרייד, ווערן אלע קליפות בטל**", מען האט געזונגען און געטאנצט שעה'ן לאנג מיט התלהבות דקדושה.

אינמיטן דעם טאנץ איז אריינגעקומען א גביר אן אורח וואס איז צופעליג דורכגעפארן דאס שטעטל, און ווען ער האט געזען דעם הייליגן זיידנ'ס גרויסע שמחה און געהערט פארוואס מען טוט דאס, האט ער אויפן פלאץ ארויסגענומען זיין בייטל און באצאלט דעם גאנצן חוב ביזן לעצטן גילדן, און די געפאנגענע זענען תיכף באפרייט געווארן, דאס איז געווען דעם גרויסן כוח השמחה פונעם הייליגן שפאלער זיידע זי"ע.

• • •

**אין ספר תפארת מהרא"ל ווערט געברענגט**, אז אין א געוויסן שווערן יאר פאר כלל ישראל, ווען די גזירות און דחקות אין רוסלאנד זענען געווען אומדערטרעגליך, האט דער הייליגער שפאלער

זיידע זי"ע צוזאמגערופן א בית דין פון צדיקים און גרויסע תלמידי חכמים צו זיך אין שפאלא, ער האט פארמאכט די טיר פונעם חדר און געזאגט, "**מיר שטעלן זיך יעצט צוזאם אלס א בית דין של מטה, און מיר רופן דעם בית דין של מעלה און דעם רבונו של עולם כביכול צו א דין תורה**", און דער הייליגער שפאלער זיידע האט אויסגעפירט זיינע טענות מיט בכיות נוראות און געזאגט.

"**אין דער תורה שטייט 'כי לי בני ישראל עבדים, עבדי הם ולא עבדים לעבדים', אויב אידישע קינדער זענען קנעכט צום רבונו של עולם, ווי קען זיין אז א טאטע פארקויפט זיינע אייגענע קינדער אין די הענט פון פרעמדע גוים און קנעכט, און לאזט זיי ליידן אזעלכע ביטערע יסורים און גלות, אדער זענען מיר דיינע קינדער, און א טאטע דארף מוחל זיין און אויסלייזן זיינע קינדער, אדער זענען מיר קנעכט, און א קנעכט וואס ווערט געפייניגט דורך זיין הער מוז באפרייט ווערן**", און דער בית דין האט דארט געפסק'נט, אז די גאולה מוז שוין קומען, דערציילט מען, אז דער הייליגער בעל התניא זי"ע האט זיך שפעטער אויסגעדריקט, "**אז אין יענעם מאמענט איז געווען א גרויסער שטורעם אין הימל דורכ'ן כוח פונעם הייליגן שפאלער זיידע זי"ע**".

• • •

**אינעם קונטרס סיפורים נחמדים ווערט דערציילט**, אז אין א ביטערן ווינטערדיגן פארנאכט איז א אידישער בעל עגלה פארבלאנדזשעט געווארן אין די אוקראינישע וועלדער אינמיטן א שווערן שניי-שטורעם, די פערד האבן זיך אפגעשטעלט, דער וועג איז געווען פארשנייט, און דער איד איז געבליבן הילפלאז אין די פרעסטן, ווען די סכנת נפשות פון פארפרוירן ווערן איז געווען א שאלה פון מינוטן.

דער בעל עגלה האט אנגעהויבן וויינען און שרייען, "**הייליגער שפאלער זיידע, ראטעווע מיך! איך האב א שטוב מיט קליינע קינדער**", אין יענע מינוטן אין שפאלא, מיילן ווייט אוועק, איז דער הייליגער שפאלער זיידע געזעסן ביים טיש, און האט זיך פלוצים אויפגעשטעלט, צוגעגאנגען צום פענסטער, ארויסגעקוקט אין דער פינסטער און געזאגט, "**מען דארף אים באלייכטן דעם וועג**", תיכף נאכדעם האט דער בעל עגלה דערזען א קליין פלאקערנדיג ליכטיגקייט צווישן די ביימער, ער איז געגאנגען נאכן שיין ביז ער האט זיך געטראפן אויפן גראדן וועג צום שטעטל שפאלא, ווען דער איד איז אריינגעקומען צום הייליגן שפאלער זיידן זיך באדאנקען, האט דער זיידע שמייכלענדיג געזאגט, "**א איד וואס שרייט פון טיפן הארצן צום באשעפער, קען מען אים נישט לאזן פארפאלן גיין אין שניי**".

• • •

**אינעם ספר תפארת מהרא"ל ווערט דערציילט**, אז א צובראכענער פאטער איז איין טאג געקומען קיין שפאלא מיט זיין צען-יעריגן זון, **וועלכער איז פלוצלונג פארשטומט געווארן און האט פאר עטליכע יאר נישט ארויסגעברענגט קיין איין ווארט פון מויל**, די גרעסטע דאקטוירים אין קיעוו האבן שוין אויפגעגעבן און געזאגט, אז די שטים-בענדער זענען ליידער געשעדיגט אויף אייביג, און עס איז שוין ליידער נישט דא וואס צו טאן.

דער טאטע איז אריינגעלאפן צום הייליגן שפאלער זיידע זי"ע אין צימער מיט ביטערע בכיות און געבעטן רחמים פאר זיין קינד, דער הייליגער שפאלער זיידע האט גארנישט געזאגט, נאר געווארט ביז שבת ביים שלש סעודות, אינמיטן די טיפע דבקות-צייט פון רעווא דרעווין, **האט דער הייליגער שפאלער זיידע גענומען א שטיקל חלה פון די שיריים, עס אריינגעלייגט אין דעם אינגל'ס מויל**, און אים געזאגט מיט א שטארקן קול, "**זאג נאך מיר, ברוך ד' לעולם אמן ואמן**!", דער בחור'ל האט אויפן פלאץ געעפנט זיין מויל און אויסגעשריגן דעם פסוק קלאר און הויעך פארן גאנצן עולם, דער קול-רעש אין בית המדרש איז געווען אומבאשרייבליך, און דער אינגל האט ווייטער גערעדט כאחד האדם זיין גאנץ לעבן.

• • •

**אינעם ספר שיח שרפי קודש ווערט דערציילט**, אז אין די צייטן פונעם רוסישן צאר זענען ארויסגעקומען ביטערע כוואליעס פון כאפן אידישע בחורים צום מיליטער (**קאנטאניסטן/גיוס-גזירות**), אן אלמנה, וואס איר איינציגער זון און שפייזער איז פארכאפט געווארן דורך די רעגירונגס-באאמטע, איז געקומען צו לויפן צום שפאלער זיידן מיט געשרייען אז מען נעמט איר אוועק איר לעבן.

דער הייליגער שפאלער זיידע זי"ע האט געזען איר צער און געזאגט, "**זארג נישט, דער**

**באשפעפר פון די יתומים און אלמנות וועט אים באפרייען**", און דער שפאלער זיידע האט געהייסן דעם משמש נעמען א ליידיג שטיקל פאפיר, און דער שפאלער זיידע האט מיט זיין הייליגער האנט געמאכט **א געוויסע חתימה (צייכן) אויפן בלעטל**, און ער האט געזאגט פאר דער מוטער, "**פאר קיין אדעס, גיי אריין צום הויפט-קאמאנדיר פונעם מיליטערישן שטאב, און לייג אים פאר דאס פאפיר**".

די פרוי איז געפארן מיט גרויס פחד קיין אדעס צום הויפט-קאמאנדיר, אבער ווען זי איז אנגעקומען און דער גענעראל האט געעפנט דעם צעטל, איז זיין פנים געווארן בלאס ווי קאלך, און אן ארויסרעדן א ווארט האט דער גענעראל גענומען זיין אפיציעלן שטעמפל, באפרייט דעם בחור אויפן פלאץ, און דערביי געזאגט, "**א קאמאנדע פון אזא הויכן גענעראל קען איך נישט פארלעצן**".

• • •

**אינעם קונטרס תולדות הסבא משפאלא ווערט דערציילט**, אז אין א שטעטל נאנט צו שפאלא איז געווען א יאר פון א שרעקליכן טרוקעניש, **דער איינציגער ברונעם וואס האט געשפייזט דאס גאנצע דארף איז אויסגעטריקנט געווארן**, און די מענטשן צוזאמען מיט די בהמות זענען געשטאנען פאר א סכנה פון רח"ל אויסגיין פאר גרויס דארשט, די גוים אינאיינעם מיט די אידן האבן פרובירט צו גראבן טיפער, אבער ס'איז נאר ארויפגעקומען בלאטע און שמיציגע וואסער, די דארפס-אידן זענען געלאפן צום הייליגן שפאלער זיידע זי"ע, און געוויינט אז מען מוז פארלאזן די הייזער.

דער הייליגער שפאלער זיידע איז אליין אריבער געפארן צום דארף, ער איז צוגעגאנגען צום אויסגעטריקנטן ברונעם, אריינגעקוקט אין דער טיפעניש, ארויסגענומען זיין שטעקן און א קלאפ געטאן אויף די שטיינער ארום דריי מאל, זאגנדיג דעם פסוק, "**פּוֹתֵחַ אֶת יָדֶךָ וּמַשְׂבִּיעַ לְכָל חַי רָצוֹן**", און ווי נאר דער הייליגער שפאלער זיידע האט געענדיגט דעם פסוק, האט אנגעהויבן קוועלען פרישע קאלטע און זיסע וואסער וואס האט אנגעפילט דעם ברונעם ביז אויבן, און דער ברונעם איז פארבליבן פול מיט וואסער לאנגע יארן נאכדעם, און די ארטיגע איינוואוינער פלעגן דאס רופן, "**דעם זיידנ'ס קוואל**".

• • •

**אינעם ספר תפארת מהרא"ל ווערט דערציילט**, אז פאר לאנגע יארן בעפאר דער הייליגער שפאלער זיידע זי"ע איז נתגלה געווארן אלס מנהיג ישראל, איז ער געגאנגען אין "**גלות**" אלס אן אומבאקאנטער ארימאן, ער האט זיך פארדינגען אלס א פשוט'ער שמש און הילפס-ארבעטער אין א בית המדרש אין א ווייטן שטעטל, וואו מען האט אים באהאנדלט מיט גרויס ביטול, זיין ארבעט איז געווען צו שלעפן שווערע האלץ אין די ווינטער-פרעסטן, אנצינדן די אויוועגס, אויסרייניגן די בלאטע פון די וועגן, און אויסוואשן די שמוציגע קליידונג.

אמאל האט אים איינער פון די שטאטס-לייט נישט וויסענדיג זיין גדלות און קדושה, באליידיגט ברבים אויף א ביליגן אופן וועגן עפעס א קלייניקייט, דער הייליגער שפאלער זיידע האט אבער נישט בלויז געשוויגן, נאר ער האט געשמייכלט און געזאגט שטילערהייט, "**רבונו של עולם, אויב דאס ברענגט נחת רוח פאר א צווייטן איד, בין איך גרייט צו זיין דער טרעפ-שטיין אונטער זיינע פיס**", ווען ער איז שוין שפעטער געווען דער גרויסער רבי אין שפאלא און טויזנטער חסידים זענען געשטאנען ביי זיין טיר, פלעגט ער יעדעס יאר פאר פסח **ארויסנעמען די צעריסענע שמאטעס וואס ער האט געטראגן אין יענע גלות-יארן**, זיי גלעטן מיט ליבשאפט און זיך אליין מוסר'ן, "**לייבל, געדענק פון וואו דו קומסט, און בלייב קליין פאר די אויגן פונעם בורא און זיינע קינדער**".

• • •

**אינעם ספר נפלאות הסבא קדישא ווערט געברענגט**, אז א איד וואס איז נעבעך אריינגעפאלן אין שווערע פרנסה-פראבלעמען און איז געווען פארשלעפט אין חובות, האט זיך דערקייקלט צו ליידער עוסק זיין אין גנב'ענען, איין נאכט איז ער אריינגעקומען אין הייליגן שפאלער זיידנ'ס שטוב, געעפנט די שופלאד, און צוגעגנב'עט א גרויסן סכום געלט וואס איז דארט געלעגן פאר פדיון שבויים און צדקה.

אינמיטן איז דער הייליגער שפאלער זיידע אריינגעקומען אין חדר, דער גנב איז פארפרוירן געווארן פאר גרויס שרעק, טראכטענדיג ביי זיך,

אז דער רבי גייט מאכן א געשריי און אים איבערגעבן פאר די פאליציי, אבער אנשטאט דעם איז דער זיידע צוגעגאנגען צו אים מיט אן אומבאשרייבליכע ווייכקייט, האט אים אנגעכאפט ביי די האנט און געזאגט, **"מיין טייער קינד! ווי ביטער און פינצטער מוז דיר זיין אין הארץ אז דו ביסט געצוואונגען צו טון אזא מעשה אינמיטן דער נאכט, איך בין דיר מוחל דאס געלט מיט א פולן הארץ, אלעס געהער שוין צו דיר, כדי דו זאלסט נישט חלילה נכשל ווערן אין גזל!"**.

נאך מער פון דעם, דער הייליגער שפאלער זיידע האט דעם איד אריינגערופן אין קיך, אים געגעבן עפעס צו עסן, און האט אים ארויסבאגלייט ביים טיר זאגנדיג, **"אויב דו דארפסט נאך געלט צו חתונה מאכן דיין טאכטער, קום צו מיר בייטאג, נאר טו נישט אזעלכע זאכן וואס וועלן צעברעכן דיין אידישע נשמה"**, יענער איד האט דורך די אמתע ווערטער פונעם הייליגען שפאלער זיידע געטון א תשובה שלימה און איז געווארן איינער פון זיינע געטרייסטע מקורבים.

• • •

**אינעם ספר שיח שרפי קודש ווערט דערציילט**, אז א פשוט'ער בעל עגלה, וואס האט קוים געקענט עברי און פלעגט זיך אויפפירן נישט ווי עס ברויך צו זיין, איז איין שבת קודש אריינגעקומען צום הייליגען שפאלער זיידנ'ס טיש פרייטאג צו נאכטס, אינמיטן דעם הייליגן מעמד, ווען דער שפאלער זיידע איז געזעסן אין טיפן דבקות, האט דער בעל עגלה א קלאפ געטאן אויפן טיש און אויסגעשריגן, **"רבי! איך בין הונגעריג, גיב מיר שוין פיש!"**, די ארומיגע חסידים האבן זיך געקאכט פאר כעס אויף דעם עזות פנים און חוצפה, און עטליכע האבן אים שוין געוואלט ארויסווארפן פונעם בית המדרש מיט בזיונות.

אבער דער הייליגער שפאלער זיידע האט גלייך אויפגעהויבן די הענט און געשריגן צו די חסידים, **"רירט אים נישט אן! ער איז הונגעריג און ער רעדט דעם ריינעם אמת פונעם הארצן אן קיין שום פאלשקייט!"**, און דער הייליגער שפאלער זיידע האט אליין גענומען א גרויס שטיק פיש פונעם טיש, עס צוגעטראגן צום פשוט'ן איד מיט זיין אייגענער האנט, זיך אראפגעבויגן צו אים און געזאגט, **"עס געזונטערהייט, מיין ברודער"**, דערנאך האט זיך דער הייליגער שפאלער זיידע אויסגעדרייט צום עולם און געזאגט מיט עניוות, **"איך בין מקנא דעם איד, ביי אים איז דאס הארץ און דאס מויל גלייך, ער טוט נישט גארנישט פאר קיין כבוד, און ביים באשעפער איז זיין פשוט'ע תמימות טייערער ווי אלע אונזערע הויכע כוונות"**.

• • •

**ווי באוויסט איז דא א מנהג ישראל צו אפגיסן וויין פסח ביינאכט ביים סדר ביי די צען מכות**, און אלע צדיקי הדור האבן מקפיד געווען, אז מען זאל דאס אפגעגאסענע וויין גלייך מבעיר זיין, ווייל עס איז א סכנה פאר א מענטש דאס צו טרינקען, איין יאר פסח ביינאכט ביים צדיק דער הייליגער שפאלער זיידע זי"ע, נאכדעם וואס אלע מסובים האבן געענדיגט אפגיסן די מכות ווייז, האט ער צו געריפן זיין משמש און געבעטן, אז ער זאל ברענגען א פלאש און מען זאל צוזאמען נעמען די מכות ווייז פון אלע מסובים, און דערנאך האט דער הייליגער שפאלער זיידע געהייסן, **אז מען זאל דעם פלאש גוט אוועק לייגן אין זיין שופלאד**, עס איז געווען א גרויסע וואונדער פאר די נאנטע, פארוואס דער צדיק האט די יאר געטוישט זיין מנהג, אבער קיינער האט נישט געטרויעט צו פרעגן דעם צדיק די סיבה.

חוה"מ פסח זענען הונדערטער חסידים געקומען צום הייליגען שפאלער זיידע צו מקיים זיין דעם **"חייב אדם לקבל פני רבו ברגל"**, און צווישן די חסידים איז געווען **א חסיד א תלמיד חכם ר' זאב וואלף וואס האט געוואוינט אין א קליין דערפל**, און געהאט א קרעטשמע פון ווי ער האט געצויגען זיין פרנסה, דער הייליגער שפאלער זיידע האט דעם ר' זאב וואלף אויפגענומען מיט גרויס כבוד, **דער ר' זאב וואלף איז קיינמאל נישט געקומען מיט ליידיגע הענט, נאר יעדעס מאל ער איז געקומען צום הייליגען שפאלער זיידע, האט ער געברענגט א שיינע מתנה פארן רבין און אויך צו געלייגט א שיינעם פדיון.**

ווען דער חסיד ר' זאב וואלף איז יענעם יאר אריינגעקומען, האט זיך דער הייליגער שפאלרע זיידע גאר שטארק געפרייט צום חסיד, און האט מיט אים פארברענגט און גערעדט אין תורה און חסידות, ווען דער חסיד ר' זאב וואלף האט זיך געוואלט געזעגענען, זאגט צו אים דער הייליגער

שפאלער זיידע זי"ע, "**שטענדיג ברענגסטו מיר מתנות און פדיונות, הייגט וועל איך דיר באלוינען מיט א פיינע מתנה, וואס וועט דיר אין א טאג שטארק צונוץ קומען**".

און אזוי רעדענדיג האט דער הייליגער שפאלער זיידע געהייסן פארן משמש, **אז ער זאל אריינברענגען דעם פלעשל ווין פונעם שופלאד**, און דער רבי זאגט פארן חסיד, דאס איז די אפגעגאסענע מכות ווין פון פסח ביינאכט, "**נעם דאס אין דאס וועט דיר צונוץ קומען**", עס איז געווען א גרויסע וואונדער פארן חסיד און ער האט ביי זיך געטראכט, וואספארא ניצן קען איך דען האבן פון די ווין, און פארוואס האט די רבי געטוישט זיין מנהג די יאר מיטן אוועק לייגן די מכות ווין, אבער דער חסיד האט געגלייבט מיט זיין גרויס אמונת צדיקים, אז אויב די רבי זאגט אזא ווערטער זעהט ער זיכער עפעס וואס איך ווייס נישט.

ווען דער חסיד איז אהיים געקומען, האט ער גענומען דעם פלעשל ווין, און ער האט דאס אוועק געלייגט אויף א הויכע פאליצע, כדי קיינער זאל פון די ווין ח"ו נישט טרינקען בטעות, אין נאכט שפעט אינמיטן די נאכט, הערט דער חסיד קלאפן אויפן טיר, און ווען ער האט אויפגעמאכט די טיר האט ער געזען דארט שטיין דריי גויים וואס האבן געבעטן אריינצוקומען אין קרעטשמע ווייל זיי ווילן טרינקען אביסל בראנפען, דער חסיד האט בלית ברירה זיי אריינגעלאזט און זיי דערלאנגט בראנפען, אבער ער האט גלייך דערקענט, אז די גויים זענען נישט פון דעם דארף, אבער ער האט נישט אינאכט גענומען אז עפעס קומט דא פאר.

אבער אזוי שטייענדיג דארט אין קרעטשמע, קומען צו איינע פון די גויים, און ער נעמט ארויס א גרויסן שווערד און זאגט פארן חסיד זאב וואלף, "**לייג זיך באלד אוועק און קיין ווארט זאלסטו נישט אויסשרייען**", פון גרויס שרעק האט דער זאב וואלף אויסגעפאלגט וואס דער גוי האט געהייסן, און מיט גרויס שרעק האט ער זיך אוועק געלייגט אויף דער ערד, די גויים האבן אים גלייך געבינדען הענט און פיס, און דאן האבן זיי געברענגט אלע בני בית און זיי אויך געבינדען כדי זיי זאלן נישט קענען ריפן פאר הילף.

דאן האבן די גויים זיך גענומען צו די ארבעט, זיי האבן די גאנצע שטוב אונטערזיכט פון שאפע צו שאפע פאר געלט, צירונג און זילבערנע און גאלדענע כלים, און האבן אלעס פארפאקט אין זייערע זעק, פלוצלונג האט איינע פון די גויים באמערקט דעם גרויסן פלאש ווין וואס דער חסיד האט באקומען פונעם רבין, ער האט דאס אויפגעמאכט און געשפירט א גאר געשמאקע ריח, **ער האט גלייך צו געריפן די אנדערע גויים, און צוזאמען האבן די חברה געמאכט א לחיים אויף די ווין, און נאך אפאר מינוט פון טרינקען זענען די חברה געווארן אזוי שיכור, אז אלע זענען געפאלן אויף די ערד און פארשלאפען געווארן**.

דער חסיד האט נישט געטראכט קיין מינוט, נאר האט גלייך געהאלפן פאר איינע פון די קינדער זיך אויפבינדען, און דער קינד איז גלייך געלאפן ריפן הילף, ווען די פאליציי זענען אנגעקומען, האבן זיי געזאגט פארן חסיד, **אז שוין א לאנגע צייט וואס זיי זיכן די דריי גנבים און קענען נישט לייגן די הענט אויף זיי, און די פאליציי האבן גלייך אוועק געפירט די גנבים און זיי פארשפארט פאר יארן אין תפיסה**, און דער חסיד איז געראטעוועט געווארן פון א זיכערע טויט.

גלייך אינדערפרי נאך שחרית האט זיך דער חסיד ארויסגעלאזט אויפן וועג קיין שפאלא, צו גיין באדאנקען דעם רבין פאר די וואונדערליכע מתנה וואס ער האט אים געגעבן, דאס וואונדערליכע פלאש ווין וואס האט געראטעוועט אים מיט די משפחה פון א זיכערע סכנה, ווען דער חסיד ר' זאב וואלף איז אריינגעקומען צום הייליגען שפאלער זיידע, נאך איידער ער האט עספייעט עפעס צו זאגן, האט אים דער הייליגער שפאלער זיידע געזאגט בזה"ל, "**נו, איך האב דיר דאך געזאגט, אז די פלאש ווין פון די צען מכות וועט דיר גוט צונוץ קומען**".

**יארצייט ז׳ תשרי**

**הרה״ק רבי מנחם נחום ב״ר מרדכי זי״ע**
**(טווערסקי)**
**אדמו״ר ממאקארוב**

ער איז געבוירן אין שטאט טשערנאביל, **בשנת תקס״ה**.

צו זיין טאטע הרה״ק **רבי מרדכי המגיד מטשרנאביל** זי״ע,
בן הרה״ק **רבי מנחם נחום בעל מאור עינים מטשערנאביל** זי״ע,
בן הגה״ק **רבי צבי** זי״ע,
בן הגה״ק **רבי נחום גאון הנקרא רבי אדם בעל שם** זי״ע.

און צו זיין מאמע **הרבנית הצדקת מרת פייגא** ע״ה,
בת הרה״ק **רבי דוד לייקס** זי״ע, מגדולי תלמידי הבעש״ט הקדוש זי״ע.

ער איז געווען א איש קדוש מאוד און א צדיק הדור איש חי רב פעלים, ער איז געווען מפורסם אלס א בעל מופת עצום און א גרויסע פועל ישועות, די עבודת התפלה ביי דעם צדיק איז צו געגאנגען מיט א מוראדיגע התלהבות און אן אש קודש, ער האט מיט זיין עבודה מקרב געווען לבבות ישראל לאביהם שבשמים, הונדערטער אידן גדולים און ירא אלקים האבן זיך מסתופף געווען בצלו.

עס ווערט דערציילט, אז דער הייליגער מגיד מטשערנאביל זי״ע האט דאך פאר זיינע קינדער די קדושים אלע א נאמען געגעבן נאך די שבעה רועים די אבות הקדושים, ווען עס איז געקומען די ברית פון דעם קינד, האט ער געגעבן דעם נאמען מנחם נחום, נאכן הייליגען זיידן דער מאור עינים זי״ע.

דער גאנצער עולם האט זיך אויף דעם זייער געוואונדערט, וויבאלד דער זון האט געברויכט הייסן **״יוסף״**, אבער שפעטער האט מען געזען דעם ווייטען בליק וואס דער הייליגער מגיד האט געהאט, אז ער האט שוין דאן געזען, אז דער זון וועט ווערן אן איידעם ביי הרה״ק **רבי יוסף מטורטשין** זי״ע א זוהן פונעם הייליגען **חוזה מלובלין** זי״ע, און ווי באוויסט האט מען דאן גאר שטארק מקפיד געווען נישט צו טון א שידוך, ווי דער חתן און מחותן האבן דעם זעלבן נאמען.

דער הייליגער מגיד מטשערנאביל זי״ע האט געהאט אכט הייליגע קינדער קדושים וטהורים, וואס זענען געווען די שמונה קני מנורה וואס האבן באלאכטן מיט זייער קדושה און תורה גאנץ רוסלאנד.

הרה״ק רבי אהרן מטשערנאביל זי״ע,
הרה״ק רבי משה מקוריסטשוב זי״ע,
הרה״ק רבי יעקב ישראל מטשערקאס זי״ע,
**הרה״ק רבי מנחם נחום ממאקארוב זי״ע,**
הרה״ק רבי אברהם המגיד מטריסק זי״ע,
הרה״ק רבי דוד מטאלנא זי״ע,
הרה״ק רבי יצחק מסקווירא זי״ע,
הרה״ק רבי יוחנן מרחמסטריווקא זי״ע.

ווערט דערציילט, אז מען האט איינמאל געזאגט פאר הרה״ק **רבי ישראל מרוז׳ין** זי״ע, אז די אכט קינדער פון דעם מגיד פירן גרויסע רבנות און הונדערטער אידישע קינדער זענען זיך מסתופף בצלם, האט מען געפרעגט ווער עס האט געגעבן די הסכמה אויף דעם.

האט דער הייליגער רוזינער זי״ע געזאגט, **דוד המלך ע״ה האט שוין געגעבן אן הסכמה אויף די קינדער מיטן פסוק (תהילים קי״א ח׳) סְמוּכִים לָעַד לְעוֹלָם, ווייל, עֲשׂוּיִם בֶּאֱמֶת וְיָשָׁר**, קען מען צו לייגן, אז די ווארט **״אמת״** איז בגימטריה **9** וואס דאס איז דאך דעם **חותם פון הקב״ה, און דער הייליגער מגיד מיט זיינע אכט קינדער זענען 9 צדיקים קדושים וטהורים**.

ער האט חתונה געהאט מיט **הרבנית הצדקת מרת הינדא מאטל** ע״ה,
בת הרה״ק **רבי יוסף הלוי הארוויץ מטורטשין** זי״ע,
בן הרה״ק **החוזה מלובלין** זי״ע,
חתן הרה״ק **רבי מרדכי אב״ד דובנקא וקאריץ** זי״ע.

מען דערציילט, אז ביים שידוך שליסן האבן זיך דאן געטראפן די צוויי צדיקים **דער הייליגער חוזה מלובלין** און **דער הייליגער מגיד מטשערנאביל**, האט דער הייליגער חוזה געזאגט פארן מגיד.

אז ער דער חוזה מיט זיין געוואלדיגע עניוות האט געמאכט א חשבון הנפש, מיט וואס ער האט עוסק געווען זיינע טעג און שעות פון זיין לעבן, **און ליידער האט ער אזוי פיל צער געמאכט פארן בוכ"ע און ער האט נישט קיין נחמה אויף דעם**, נאר מיט איין זאך טרייסט ער זיך, **אז ווען ער דערמאנט זיך אז ער וועט נפטר ווערן און מען וועט אים לייגען אין קבר, דאן וועט ער שוין מער נישט פארשאפן קיין צער פארן גרויסן באשעפער**.

ווערט דערציילט, אז ביים שידוך פון דעם צדיק וקדוש רבי מנחם נחום ממאקארוב זי"ע, איז ער נאך געווען גאר יונג, און ביים שידוך שליסן איז דער חתן נישט געווען דארט אין לובלין, דערפאר האט די כלה וואס איז נאך אויך געווען גאר יונג, נישט געוואלט צו גיין צום שידוך בעפאר זי זעהט דעם חתן, האט דער זיידע דער הייליגער חוזה מלובלין צו געריפן דעם איניקל, **און דער זיידע האט אויסגעמאלן פאר די כלה פונקטליך ווי אזוי דער חתן זעהט אויס מיט אלע דעטאלען**, און דער זיידע האט געזאגט פאר די כלה, **אז זי קען רואיג צו גיין צום שידוך**.

ווי באוויסט איז דער הייליגער מגיד מטשערנאביל זי"ע געווען מפורסם אלס גאר א הייליגער מענטש, און ווען די קינדער פונעם מגיד זענען אנגעקומען צום תנאים פונעם ברודער רבי מנחם נחום, און האבן צו געזען **די הייליגע אויגן פונעם חוזה מלובלין**, האבן זיי קענען געלערנט דעם הייליגען חוזה מלובלין און זיי האבן געזען דאס גרויסקייט פון זיינע הייליגע אויגן.

האבן די קינדער געפרעגט פונעם טאטן, **מען זאגט דאך אויפן טאטן אז ער איז א יחיד בדורו, און דא זעהן מיר דעם חוזה מלובלין וואס איז אויך א יחיד בדורו**, האט דער טאטע געזאגט פאר זיינע קינדער, **איך בין א יחיד בדורו אין קדושה, אבער דער הייליגער חוזה איז א יחיד בדורו מיט זיינע הייליגע אויגן**.

מען דערציילט, אז ביים תנאים האט מען געפרעגט דעם הייליגען חוזה מלובלין זי"ע, וואס ער גיבט פארן חתן דרשה געשאנק, האט דער הייליגער חוזה געזאגט, **פאר דרשה געשאנק גיב איך זיך אליין, און דרייצן יאר ארום וועל איך נאכאמאל אראפ קומען אויף דעם עולם**.

כך הוה בערך דרייצן יאר שפעטער איז געבוירן געווארן דער בן יחיד צום רבין ר' מנחם נחום ממאקארוב זי"ע, וואס האט געטראגן דעם זעלבן נאמען ווי דער זיידע "**יעקב יצחק בן הינדא מאטל**", און די וואס האבן נאך געהאט די זכי' צו זען דעם חוזה האבן מעיד געווען, **אז דער איר אייניקל האט געהאט דעם זעלבן צורה ווי דער זיידע דער חוזה מלובלין און אויך געווען א קדוש וטהור**.

עס איז באוויסט אז די טאטע דער הייליגער מגיד מטשערנאביל זי"ע האט געזאגט איינמאל פאר זיינע קינדער.

**ר' אהרן, דו קענסט קבלה, דערפאר זאלסטו זיין א רבי,**

**ר' יעקב ישראל מטשערקאס, די ביסט א מלמד, דערפאר זאלסטו זיין א מלמד,**

**ר' מנחם נחום, דו קענסט זינגן, זאלסטו זיין א חזן.**

עס איז באקאנט אז די הייליגע קינדער פונעם מגיד האבן א טייל געזאגט תורה ברבים, אבער דער הייליגער צדיק ממאקארוב זי"ע האט קיינמאל כמעט נישט געזאגט קיין דברי תורה, נאר זיין עיקר עבודה איז געווען דעם געוואלדיגע עבודת התפלה וואס איז געווען כל כולו אש קודש.

ווערט דערציילט, אז איינמאל איז דער צדיק צוזאמען מיט זיין ברידער הרה"ק **רבי יצחק מסקווירא** זי"ע געפארן צוזאמען מיטן טאטן אויף איינע פון די הייליגע נסיעות ווי דער טאטע דער הייליגער מגיד האט אויפגעטון דברים נוראים.

אויפן וועג וויבאלד דער וואגן איז געווען אנגעלאדענט מיט אלע געברויכן פארן מגיד, האט פאסירט א אומגליק, דער וואגן האט זיך איבער געדרייט, און דער מגיד איז געלעגן פין אינטן און אויף אים איז געפאלן דער זון רבי מנחם נחום און אויף זיי ביידע איז געפאלן רבי יצחק מסקווירא.

דער הייליגער מגיד איז גאר שווער געשעדיגט געווארן אין געווען אין א גאר שווערע סכנה, עד כדי כך אז דער רבי יצחק מסקווירא האט געמיזט גיין זיכן הילף צו ראטעווען דעם טאטן, אבער בחסדי השם האט זיך די מצב ביים מגיד פארבעסערט, און ער איז צו זיך געקומען, דאן האט דער הייליגער מגיד געזאגט, **אז דעם פלאץ ווי זייער וואגן האט זיך איבער געדרייט, איז געווען**

**דעם זעלבן פלאץ ווי קין האט גע'הרג'ט הבל, און דערפאר האט די אומגליק פאסירט.**

ער האט איבער געלאזט זיינע קינדער.

בן יחידו וממלא מקום אביו הרה"ק **רבי יעקב יצחק ממאקארוב** זי"ע,
בתו **הרבנית הצדקת מרת שיינא צבי'** ע"ה, אשת הרה"ק **רבי ישעי' משולם זוסיא מטשערנאביל** זי"ע, ובזיווג שני אשת הרה"ק **רבי אשר השני מסטאלין** זי"ע,
בתו **הרבנית הצדקת מרת אדל** ע"ה, אשת הרה"צ **רבי מרדכי מרגליות מדוביסאר** זי"ע, נכד הרה"ק **רבי יעקב ליב מקאוולא** זי"ע,
בתו **הרבנית הצדקת מרת חיה** ע"ה, אשת הרה"ק **רבי אשר השני מסטאלין** זי"ע.

ווען דעם הסתלקות פונעם רבין ווערט דערציילט, אז ראש השנה בשנת תרי"א בשעת'ן טיש האט זיך פלוצלונג **ארויס געריסן א באלקן פון דאך, און עס איז אראפ געפאלן הארט נעבן רבין**, און עס האט נאר אנגערירט דעם שפיץ פון זיין שטריימל, דער הייליגער צדיק האט זיך גלייך אנגערופן, "**ברוך השם עס האט נישט געשאדט מיין בן יחיד**".

עס האט טאקע גארנישט פאסירט פארן רבין דורך די גאנצע מעשה, אבער די חסידים האבן געזען עפעס אן ענדערונג אין די התנהגות פונעם צדיק, ווי כאילו ער גרייט זיך אויף זיין פטירה, כך הוה **אפאר טאג שפעטער איז דער צדיק נסתלק געווארן**.

מען דערציילט, אז ווען דער ברודער הרה"ק רבי דוד'ל מטאלנא זי"ע איז שפעטער נאך די פטירה געווען אין מאקארוב, האט ער געבעטן מען זאל אים ווייזן דעם באלקן וואס איז אראפ געפאלן, און דער טאלנער רב האט זיך אנגערופן מיט וואונדערליכע ווערטער, "**איך קען אים**" און ער האט געהייסן מען זאל דעם באלקן **שלאגן מלקות**, ווי עס ווייזט אויס, איז דאס געווען עפעס פארבארגענע ענינים פון די כוחות החיצונים וואס האבן זיך פארטשעפעט מיטן הייליגן צדיק ממאקארוב זי"ע.

דער הייליגער ברידער רבי איציק'ל מסקווירא זי"ע האט זיך אויס געדריקט נאכן פטירה פונעם ברודער, **דער טאטע האט איבער געלאזט א כשר'ע ציצית מיט אכט חוטין מיינענדיג די אכט הייליגע קינדער, איינס האט זיך טאקע אפגעריסן מיט די פטירה פונעם הייליגען מאקארובער זי"ע, אבער ברוך השם עס איז נאך געבליבן "כדי עניבה" וואס ער האט מיט דעם געמיינט דעם הייליגען זון הרה"ק רבי יעקב יצחק זי"ע**.

נסתלק לגנזי מרומים **ז' תשרי בשנת תרי"א**, ומנוחתו כבוד איז אין שטאט **מקארוב**.

זכותו הגדול יגן עלינו
ועל כל ישראל אמן.

**מעשיות**

**ווערט דערציילט**, אז ווען דער הייליגער צדיק דער מגיד מטשרנאביל זי"ע האט פארלוירען זיין זיווג ראשון **הרבנית הצדקת מרת חיה שרה** ע"ה, בת הרה"ק **רבי אהרן הגדול מקארלין** זי"ע, האט מען פארן מגיד אן געטראגען **הרבנית הצדקת מרת פייגא** ע"ה, בת הרה"ק **רבי דוד לייקעס** זי"ע, און די צדיקים בדורו האבן זייער געשטיפט דעם מגיד אז ער זאל דעם שידוך טון, דערפאר איז ער אריבער צום צדיק רבי דוד לייקעס זי"ע, און אנגעפרעגט לגבי דעם שידוך.

אבער דער צדיק וקדוש רבי דוד לייקעס זי"ע האט נישט גלייך מסכים געווען צום שידוך, דער מגיד האט געפרעגט דעם צדיק רבי דוד, פארוואס ער איז נישט מסכים צום שידוך, ווייל אויב איז דאס וועגן פרנסה, נעמט ער זיך אינטער צו אויס האלטן די קינדער וואס די טאכטער האט שוין דאן געהאט.

האט דער צדיק וקדוש רבי דוד לייקעס זי"ע געזאגט, **איך זעה אז מיין טאכטער וועט האבן 7 זוהן**, אבער דער הייליגער מגיד ברויך האבן 8 זוהן, און דער מגיד האט שוין דאן געהאט **3** זוהן פונעם זיווג ראשון, און דערפאר וועט די טאכטער נאר האבן **5** קינדער מיטן מגיד, דאס מיינט אז זי וועט מיזן ווערן אן אלמנה כדי צו קענען חתונה האבן נאכאמאל, **צו קענען האבן די לעצטע צוויי קינדער**, און דערפאר איז ער נישט מסכים צום שידוך.

דער מגיד האט דאן געבעטן רבי דוד לייקעס זי"ע, אז ער וויל דאס איבער טראכטן פאר דריי

טאג, און ער וועט קומען מיט אן ענטפער, נאך דריי טאג איז דער מגיד צוריק געקומען און געזאגט, איך האב געפרעגט דעם בעש"ט הקדוש זי"ע, **און דער בעש"ט האט מסכים געווען צום שידוך, און דער בעש"ט האט געזאגט דעם פסוק "אֶפְרַיִם וּמְנַשֶּׁה, כִּרְאוּבֵן וְשִׁמְעוֹן יִהְיוּ לִי"**, און דער מגיד האט צו געזאגט פאר רבי דוד לייקעס זי"ע, אז צוויי פון זיינע קינדער וועלן גערעכנט ווערן ווי קינדער פון די רעבעצין פייגא ע"ה, און אזוי וועט זי האבן די 7 קינדער וואס זי ברויך האבן.

און פון דעם זיווג האט דער צדיק דער מגיד מטשערנאביל געהאט 5 קינדער קדושים וטהורים.

**הרה"ק רבי מנחם נחום ממקארוב זי"ע,**
הרה"ק רבי אברהם מטריסק זי"ע,
הרה"ק רבי דוד מטאלנא זי"ע,
הרה"ק רבי יצחק מסקווירא זי"ע,
הרה"ק רבי יוחנן מרחמסטריווקא זי"ע.

• • •

**אין די ספרי בית טשערנאבל ווערט דערציילט**, אז אמאל איז געקומען קיין מאקארוב א פרעמדער איד, א למדן און א חסיד, וועלכער האט נאך נישט פערזענליך געקענט דעם צדיק רבי מנחם נחום ממאקארוב זי"ע, ווען דער גאסט איז אריינגעקומען אין ביהמ"ד, האט ער געזען א איד זיצן ביי א גמרא, פארטיפט אין לערנען מיט א שטילקייט און פשטות, דער גאסט איז צוגעגאנגען צו אים און אנגעהויבן פרעגן שאלות וועגן דער שטאט און איבער'ן רבי'ן, "**ווי אזוי פירט דער רבי די טישן, צי קען מען אריינגיין גרינג מיט א קוויטל**".

דער איד ביים טיש האט אים געענטפערט מיט א מורא'דיגע תמימות און ענווה, "**דער מאקאראווער רבי איז א פשוט'ער מענטש, ער האט גארנישט מיט קיין גרויסקייט אדער מופתים, איר דארפט נישט זוכן ביי אים קיין הויכע זאכן**", שפעטער, ווען דער עולם האט זיך אנגעזאמלט צום דאווענען און דער צדיק רבי נחום איז צוגעגאנגען פירן די עבודה, האט דער גאסט מיט שאק דערקענט, אז דער "**פשוט'ער איד**" מיט וועמען ער האט פריער גערעדט, **איז נישט קיין צווייטער ווי דער רבי אליין**, דער גאסט איז צוגעלאפן איבערבעטן דעם רבין, אבער דער רבי האט מיט א שמייכל געזאגט, "**פארוואס זארגט איר זיך, איך האב אייך דען חלילה אפגענארט, איך האב אייך בלויז געזאגט דעם ריינעם אמת איבער זיך אליין**".

• • •

**אין די קונטרס רבותינו קדושי טשערנאבל ווערט דערציילט**, אז עס איז געווען באקאנט אין טשערנאבלער גזע אז דער צדיק רבי נחום מאקאראווער זי"ע איז געווען אויסערגעווענליך נזהר אין **עניני ממונות**, ער פלעגט זאגן, **אז א צדיק וואס נעמט א פדיון נפש פון א איד, מוז זיין גרייט אריינצולייגן זיין גאנצע נשמה און מעורר זיין רחמים אויף יענעם מענטש.**

אמאל איז געקומען א איד צום צדיק רבי נחום ממאקארוב זי"ע מיט א קוויטל און ביטערליך געוויינט איבער זיין פרנסה, אז ער שטייט פאר'ן צוזאמפאלן און זיין הויז איז ליידיג פון ברויט, און דער איד האט געלייגט אויפ'ן טיש די לעצטע פאר גילדן וואס ער האט נאך פארמאגט אלס פדיון, און געבעטן דעם רבין אז ער זאל אים פועלן א ישועה.

דער צדיק רבי נחום האט אריינגעקוקט טיף אינעם קוויטל, **גענומען דאס געלט און עס תיכף צוריקגעגעבן פארן איד**, און ער האט זיך אנגערופן מיט גרויס ווארעמקייט, "**נעם דאס געלט צוריק צו דיר, גיי אהיים, קויף איין סחורה פאר'ן געשעפט, און פארלאז דיך בלויז אויפ'ן רבונו של עולם וואס שפייזט אלע באשעפענישן, ווייל א ברכה דארף נישט ווערן אפגעקויפט מיט דיינע לעצטע פרוטות**".

דער איד איז אהיימגעגאנגען און מיט זיין גרויס אמונת צדיקים געגלייבט, אז דער רבי האט אים גע'פועל'ט א ישועה, ער האט אינוועסטירט דאס ביסל געלט וואס ער האט נאך געהאט אין האנדל, און קורץ דערנאך האט זיך זיין מזל איבערגעדרייט, און ער איז געווארן א גרויסער עושר, און ער פלעגט שטענדיג דערציילן, **אז די ברכה פון מאקאראווער מגיד האט אים געראטעוועט צוליב זיין אויסערגעווענליכער ריינקייט פון נגיעות.**

• • •

**אינעם קונטרס בית טשערנאבל ווערט דערציילט**, אז א איד פון די ארומיגע דערפער, וואס פלעגט כסדר קומען צו פארן קיין מאקארוב, איז איינמאל פארפאלן געווארן אין ביזנעס און זיך

ארייגעלאזט אין א געפערליכע שותפות מיט גוים וואס האט געקענט ברענגען שווערע פראבלעמען און אים איגאנצן אראפציען פון אידישן וועג.

ווען יענער איד איז איין טאג געקומען צום רבי'ן בעטן א ברכה אויף הצלחה פאר יענעם געשעפט, האט דער צדיק רבי נחום אים אנגעקוקט מיט א שארפן בליק, און נאך איידער דער איד האט ארויסגערעדט א ווארט, האט דער רבי אים געזאגט, "**מען קען נישט ארייגשטעקן די האנט אין פייער און האפן אז מען וועט נישט פארברענט ווערן, גיי באלד ארויס פון יענעם ענין, ווייל הגם עס זעט יעצט אויס ווי גאלד, איז עס א גרוב פול מיט שרצים**".

דער איד איז געווארן שטארק דערשראקן, **ווייל קיינער האט נישט געוואוסט פון דעם געהיימען פלאן**, און ער האט תיכף אפגעזאגט די שותפות, עטליכע וואכן שפעטער האבן די רעגירונגס-באאמטע אנטדעקט יענעם נעץ און ארעסטירט אלע שותפים מיט שווערע קלאגעס, דער איד איז גלייך געלאפן קיין מאקארוב וויינענדיג פון דאנקבארקייט צום בורא עולם און צום צדיק וואס האט געזען פון ווייט און געראטעוועט זיין לעבן און זיין אידישקייט.

• • •

**אין ספרי זכרונות לבית טשערנאבל ווערט דערציילט**, אז דער צדיק רבי נחום מאקאראווער זי"ע איז געווען באקאנט מיט זיין אויסערגעווענליכער **שמירת עיניים**, מען האט דערציילט, אז אפילו ווען ער איז געגאנגען אויפ'ן גאס, זענען זיינע אויגן געווען אראפגעלאזט צו דער ערד, שטענדיג פארטיפט אין מחשבות קדושות.

אמאל איז דער צדיק געפארן אויפ'ן וועג, און אריבערגעפארן א שטעטל וואו עס איז פארגעקומען א גרויסער יריד, דער בעל עגלה האט זיך אפגעשטעלט לעבן א קרעטשמע, און ארום איז געווען פול מיט מענטשן, סוחרים און שיינע סחורות וואס מען האט אויסגעשטעלט צום פארקויפן, ווען מען איז שפעטער אנגעקומען צום ציל, האט איינער פון די באגלייטער באמערקט, ווי דער רבי איז שטארק פארזונקען און אפגעמוטשעט.

